בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַארְ׳ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## חַג הַשָּׁבוּעוֹת (2)

תשפ"ד

349-2

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

**נדפס ע"י**
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# לִקּוּט מִכְתָּבִים

**בעזהשי״ת**

**רב יוסף ביומא דעצרתא אמר עבדי לי עגלא תלת״א** (פסחים סח ע״ב)

**מיט גרויס דאנק און ליבּ צום אייבערשטן שטעלן מיר פאר אנשי שלומינו א געטריפלטן קונטרס לקראת חג השבועות הבא עלינו לטובה;**

**1) די סדר הנסיעה פונעם ראש ישיבה שליט״א אין ארץ ישראל אין די פארלאפענע טעג פון ל״ג בעומר.**

**2) אויסדערוועלטע בריוון אויף יום טוב שבועות,**

**3) און א ספּעציעלער קונטרס, א קאלעקציע פון בריוון איבער דאס גרויסקייט און תועלת פון לימוד התורה הקדושה (געדרוקט באזונדער).**

**מיר זענען ארעם אין ווערטער אויסצודרוקן אונזער הכרת הטוב פאר די כוחות, צייט און מיה וואס דער ראש ישיבה שליט״א לייגט אריין טאג איין טאג אויס צו שרייבן בריוו וועלכע איז אונזער וועגווייזער אין לעבן, בריוו וואס געבט אונז די ריכטיגע שכל און הדרכה אין לעבן, בריוו וואס איז אונז מחזק, מעודד און מעורר צו דינען דעם אייבערשטן, צו לערנען די הייליגע תורה, און צו קיום התורה והמצוות בשמחה, אויפן וועג פון הייליגן רבי׳ן ווי אזוי מוהרא״ש זכותו יגן עלינו האט אונז געלערנט.**

**צו די זעלבע צייט הייבן מיר אויף אונזערע הענט מיט א תפילה צום אייבערשטן אז דער ראש ישיבה שליט״א זאל ווייטער האבן די כוחות אונז צו קענען ווייטער לערנען את המעשה אש״ר יעשון, ואת הדרך אש״ר ילכו בה.**

קראו ותחי נפשכם

מכון עצתו אמונה

# א - אַהֲבַת הַתּוֹרָה

## דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן בַּאקוּמֶען אַ לִיבְשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ה' שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שלב): "אִיךְ בִּין אַ טַייךְ וָואס רֵיינִיגְט פוּן אַלֶע שְׁמוּצִיגֶע פְלֶעקְן"; אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וֶוערְן רֵיין. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק, קֶענְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נִישְׁט סְתָּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

אִיךְ הָאף אַז דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג דֶעם דַף גְמָרָא. מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן פָארִיגֶע וָואךְ אַ נֵייעֶ מַסֶכְתָּא - מַסֶכֶת עֲבוֹדָה זָרָה, אַ הֶערְלִיכֶע מַסֶכְתָּא אוּן עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ שָׁאד יֶעדְן טָאג וָואס דוּ לֶערְנְסְט נִישְׁט דֶעם דַף. דֶער דַף אִיז דֶער לֶעבְּן פוּנֶעם טָאג, דֶער דַף אִיז דִי נְשָׁמָה פוּנֶעם טָאג אוּן עֶס אִיז דִי בֶּעסְטֶע שְׁמִירָה פַארְן מֶענְטְשׁ.

עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג דוּ זָאלְסְט מִיטְטֵיילְן מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וֶוען דוּ בִּיסְט מְסַיֵּים אַ מַסֶכְתָּא, וַוייל דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ טוּישְׁט זִיךְ וֶוען מֶען זֶעט וִוי דֶער טַאטֶע לֶערְנְט. סַיי דַיין וַוייבּ וֶועט דִיךְ מֶער שֶׁעצְן, זִי וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ לֶערְנְסְט תּוֹרָה, אוּן דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה אַדַאנְק דֶעם, וַוייל עֶס וֶועט אַרַיינְגֶעקְרִיצְט וֶוערְן אִין זֵייעֶר הַארְץ אַ לִיבְשַׁאפְט צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

קִינְדֶער הָאבְּן לִיבּ סְעוּדוֹת; מְסִיבּוֹת, עֶסְן, טְרִינְקֶען, נַאשׁ וְכוּ'; אוֹיבּ מֶען מַאכְט אַן עֵסֶק פוּן לֶערְנֶען - בְּרֶענְגְט עֶס אַרַיין אִין זֵיי אַ גְלִיסְטֶענִישׁ צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, עֶס וֶוערְט אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זֵייעֶר מֹחַ אַז לֶערְנֶען אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ, אַ גֶעשְׁמַאקֶע זַאךְ; דָאס וֶועט זֵיי מַאכְן וֶועלְן לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן מַסֶכְתָּא נָאךְ מַסֶכְתָּא.

אַ אִינְגֶערְמַאן דֶערְצֵיילְט מִיר אַז יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶר מַאכְט אַ סִיוּם

אָדֶער זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען מְסַיֵּים אַ מַסֶּכְתָּא אִין שַׁ"ס מַאכְן זֵיי אַ מְסִבָּה אִין שְׁטוּבּ, מֶען דֶעקְט שֵׁיין דֶעם טִישׁ וְכוּ' אוּן מֶען טֵיילְט גוּטֶע זַאכְן פַאר דִי קִינְדֶער. יֶעדֶעס מָאל עֶס אִיז דָא אַ סִיּוּם אִין שְׁטוּבּ וֶוערְט מַמָּשׁ וִוי אַ יוֹם טוֹב פַאר דִי קִינְדֶער, דִי שְׁכֵנִים פְרֶעגְן: "וָואס אִיז דֶער יוֹם טוֹב בַּיי אַייךְ?" עֶנְטְפֶערְן זַיינֶע קִינְדֶער: "אוּנְזֶער טַאטֶע מַאכְט אַ סִיּוּם", אָבֶּער דִי קִינְדֶער פוּן דִי שְׁכֵנִים זָאגְן זֵיי: "מִיר הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט אַזָא וָוארְט "סִיּוּם"; זֶעט מֶען וִוי וִוּיכְטִיג עֶס אִיז צוּ מַאכְן אַן עֵסֶק פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, אַז דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער זָאלְן שׁוֹין וִויסְן אִין וִויגְל וָואס תּוֹרָה אִיז.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ב - בִּרְכַּת הַתּוֹרָה

### הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מַאךְ מִיר זִיס דִי תּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ח שְׁבָט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

ווָאוִויל אִיז דִיר - אַ קִינְד פוּן נַיין יָאר אַלְט, אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת!

דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (כִּי תֵצֵא רעז:): "מָארֵי מִשְׁנָה, דְּאִינוּן מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת מַמָּשׁ", דִי אַלֶע וָואס לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת וֶוערְן אַזוֹי רֵיין אוּן הֵיילִיג מַמָּשׁ וִוי מַלְאָכִים, "וּבְגִין דָּא אוֹקְמוּהָ מָארֵי מַתְנִיתִין, עַל בַּר נָשׁ אִי יְהֵא כְּמַלְאַךְ ה' צְבָקוֹת תּוֹרָה יְבַקְשׁוּ מִפִּיהוּ, וְאִי לָאו לֹא יְבַקְשׁוּ תּוֹרָה מִפִּיהוּ", דִי אַלֶע וָואס לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת וֶוערְן אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים וָואס בַּאדִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זֶענֶען זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אַנְדֶערֶע אִידְן וְכוּ'.

וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען שְׁפִּירְט מֶען נִישְׁט גְלַייךְ דָאס זִיסְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה, מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט גְלַייךְ אִין אָנְהוֹיבּ וָואס מֶען לֶערְנְט; מֶען

דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דִי זִיסְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה, און צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט פוּן זַיינֶע יוּנְגֶע קִינְדֶער יָארְן (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, אות ח), "וְסִפֵּר שֶׁכָּל לִמּוּדוֹ בָּא לוֹ בִּיגִיעָה גְּדוֹלָה", אַז עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְגֶעקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען יוּנְג, "כִּי בִּתְחִלָּה הָיָה לוֹמֵד מִשְׁנָיוֹת וְלֹא הָיָה מֵבִין לִמּוּדוֹ", עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר לֶערְנְט, "וְהָיָה בּוֹכֶה הַרְבֵּה לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיָּאִיר עֵינָיו", וָואס הָאט עֶר גֶעטוּן? עֶר הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין, "וְהָיָה בּוֹכֶה וּבוֹכֶה כָּל כָּךְ עַד שֶׁזָּכָה שֶׁיּוּכַל לִלְמוֹד מִשְׁנָיוֹת", אִיךְ הָאבּ אַזוֹי סַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - זָאגְט דֶער רֶבִּי - בִּיז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען און פַארְשְׁטֵיין מִשְׁנָיוֹת. "וְכֵן אַחַר כָּךְ לָמַד שְׁאָר סְפָרִים וְלֹא הָיָה מֵבִין גַּם כֵּן", נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט אַנְדֶערֶע סְפָרִים און עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר לֶערְנְט, "וְהָיָה בּוֹכֶה וּבוֹכֶה גַּם כֵּן הַרְבֵּה מְאֹד עַד שֶׁזָּכָה לַהֲבִינָם", הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט.

יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי וֶוען דוּ זָאגְסְט בִּרְכַּת הַתּוֹרָה זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"וְהַעֲרֶב נָא ה' אֱלֹקֵינוּ אֶת דִּבְרֵי תוֹרָתְךָ, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מַאךְ מִיר זִיס דִי תּוֹרָה, אִיךְ וִויל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי תּוֹרָה, אִיךְ וִויל פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען"**, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין און צוּ שְׁפִּירְן דִי הֵיילִיגְקֵייט וָואס לִיגְט אִין מִשְׁנָיוֹת.

גֵיי וַוייטֶער מִיט דַיין גוּטֶע וֶועג, וֶועסְטוּ אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

...

## ג - גַּדְלוּת הַתּוֹרָה

**גֵיי נִישְׁט שְׁלָאפְן פַארְן לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְּמָרָא**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - אוֹר לְיוֹם ג׳ בְּהַר, ט״ז אִיָּר, ל״א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זִיץ יֶעצְט אִין עֶירְפָּארְט, נָאךְ אַפָּאר מִינוּט גֵיי אִיךְ אַרוֹיף אוֹיפְן פְלִיגֶער; מִיר פָארְן צוּ דִי הִלּוּלָא פוּן לַ״ג בָּעֹמֶר, זַיין אִין מִירוֹן בַּיים צִיוּן הַתַּנָּא הָאֱלֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם בֶּעטְן פַאר דִיר.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, גֵיי נִישְׁט שְׁלָאפְן פַארְן לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, דָאס אִיז דַיין עָתִיד. נָאר אַז מֶען לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא - הָאט מֶען אַן עָתִיד, אַז נִישְׁט וֶוערְט מֶען פַארְשְׁוֶועמְט; עֶס גֵייט אַ מַבּוּל אִין גַאס, מֶען מוּז זִיךְ בַּאשִׁיצְן, זִיךְ בַּאהַאלְטְן - אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; נִישְׁטָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס רַאטֶעוֶועט דֶעם אִיד - נָאר דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

נִישְׁטָא קַיין אֵיין בְּלַאט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ וָואס עֶס זָאל נִישְׁט שְׁטֵיין דָארְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶער וָואס לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ד - דְבֵיקוּת בַּתּוֹרָה

**אַרְבֶּעט נִישְׁט צוּ הָאבְּן גֶעלְט צוּ קֶענֶען גֵיין אוֹיף וַואקַאצִיעֶ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, ט׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעכְטְן נַאכְט הָאט מִיךְ אַ אִינְגֶערְמַאן אִין שְׁטֶעטְל אַנְגֶעלַאדְנְט בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ צוּ אַ סִיּוּם אוֹיף הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה; אִיךְ בִּין גֶעזִיצְן בַּיי דִי סִיּוּם אוּן אַזוֹי הֲנָאָה גֶעהַאט, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פְּרִישֶׁע

כּחוֹת. אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט בַּיי דִי סִיּוּם, מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן כְּסֵדֶר ׳וואוּ אִיז דִי שְׁטֶעטְל?׳ מֶען זוּכְט עֶפֶּעס צוּ זֶען; וָואס אִיז שַׁיָּיךְ צוּ וַוייזְן? וָואס אִיז שַׁיָּיךְ צוּ זֶען? בַּיימֶער אִיז דָא אִין יֶעדֶע פְּלַאץ; דָא אִיז דִי שְׁטֶעטְל! דֶער שְׁטֶעטְל אִיז זֶען אִינְגֶעלַייט וָואס אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה אוּן זֶענֶען דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָבוּק צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

בַּיי דֶער סִיּוּם הָאבְּן זִיךְ בַּאטֵיילִיגְט דִי זֵיידֶעס, אוֹיךְ הָרַב רֶבִּי דָנִיֵּאל שְׁלִיטָ"א. מִיר הָאבְּן גֶעהַאט שֵׁיינֶע שִׂיחוֹת חֲבֵרִים, פוּן דִי מַתָּנָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם רֶבִּי׳ן אִין דִי חֶדֶר פוּן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, מִיר הָאבְּן דֶעם דֶּרֶךְ הַלִּימוּד (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), מִיר קֶענֶען לֶערְנֶען וואוּ מִיר זֶענֶען; אִין שְׁטָאט, אִין קָאנְטְרִי, נִישְׁט מִשְׁנֶה וואוּ מֶען גֶעפִינְט זִיךְ, אוּן דִי רַחְמָנוּת אוֹיף דִי וָואס הָאבְּן נִישְׁט דֶעם וֶועג צוּ לֶערְנֶען; יֶעדֶע מִינוּט הָאט מֶען אַן אַנְדֶערֶע תֵּירוּץ פַארְוָואס נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען, אוּן דִי אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים אִין דִי קָאנְטְרִיס זוּכְן אַזַא בּוֹים צוּ לֶערְנֶען, נָאךְ אַפָּאר מִינוּט שְׁלֶעפְּט מֶען דֶעם טִישׁ אוֹיף אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ, בִּיז מֶען אִיז מַחְלִיט ׳אֶפְשָׁר גֵיין אִין אַן אַנְדֶערֶע קָאנְטְרִי?׳ מֶען גֵייט אוּן מֶען קוּמְט, אוּן מֶען קוּמְט אוּן מֶען גֵייט, אוּן אַזוֹי גֵייט אַרִיבֶּער דָאס לֶעבְּן אָן אֲפִילוּ עֶנְדִיגְן אֵיין מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אֵיין מָאל שַׁ"ס, אוּן אֲפִילוּ אֵיין מַסֶּכְתָּא.

נָאךְ אַ שֵׁיינֶע זַאךְ הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט נֶעכְטְן, אַ וַוייבְּל פוּן שְׁטֶעטְל שְׁרַייבְּט אַ בְּרִיוו אַז זִי הָאט נֶעכְטְן מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי הוּנְדֶערְטְסְטֶע מָאל סֵפֶר תְּהִלִּים; דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן דֶעם פְּלַאץ, דָאס אִיז דִי שְׁטֶעטְל; זֶען ווִי מֶען לֶעבְּט מִיט תַּכְלִית, מֶען לֶעבְּט בַּאקְוֶועם, יֶעדֶער הָאט זַיין הוֹיז, זַיין גֶעזִינְדְל, אוּן דָאס פְלֶעכְט מֶען אִינְאֵיינֶעם מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער; דֶער מַאן מִיטְן מִשְׁנַיוֹת אוּן דָאס וַוייבְּל מִיטְן תְּהִלִּים, דֶער מַאן מִיטְן טַלִּית וּתְפִלִּין אוּן דָאס וַוייבְּל מִיט אוֹיפְצִיעֶן אַ שְׁטוּב מִיט אֱמוּנָה, מִיט שִׂמְחָה.

אִיךְ הָאף שׁוֹין אָנְצוּהוֹיבְּן שִׁיעוּרֵי הִתְחַזְקוּת יֶעדֶע נַאכְט; בִּיז דֶערְוַוייל אִיז דֶער פְּלַאץ נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען גְרֵייט, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָדֶער הַיינְט אָדֶער מָארְגְן - וֶועט שׁוֹין זַיין דִי טֶעגְלִיכֶע שִׁיעוּרִים יֶעדֶע נַאכְט אוּם אַכְט דְרַייסִיג.

אַרְבֶּעט נִישְׁט אִיבֶּער דַיינֶע כֹּחוֹת אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען הָאבְּן גֶעלְט צוּ גֵיין אוֹיף וַואקַאצִיעֶ, זִיךְ אָפְּרוּעֶן פוּן דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט; צֶעטֵייל דִי וַואקַאצִיעֶ אוֹיף אַבִּיסְל יֶעדְן טָאג, נָאךְ פִינְף אַזֵייגֶער אָדֶער זֶעקְס אַזֵייגֶער - גֵיי אַהֵיים אוֹיף וַואקַאצִיעֶ, דַארְפְסְט נִישְׁט צֶעטֵיילְן דִי קִינְדֶער, זוּכְן טוֹבוֹת פוּן אַנְדֶערֶע; הַאלְט דִי קִינְדֶער מִיט דִיר, רֶעד מִיט זֵיי, הֶער זֵיי אוֹיס; זֵייעֶרֶע מַעֲשֶׂה'לֶעךְ, חָכְמָה'לֶעךְ, אוּן נֶעם וַואקַאצִיעֶ; נֶעם דַיין מִשְׁנַיוֹת, זִיץ אוּנְטֶערְן בּוֹים אוּן זָאג נָאךְ אַ פֶּרֶק אוּן נָאךְ אַ פֶּרֶק, אוּן וֶוען דוּ וִוילְסְט זִיךְ אָפְּרוּעֶן - רֶעד אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְק אוּן לוֹיבּ, אוּן וֶוען דוּ וִוילְסְט זִיךְ שׁוֹין אָפְּרוּעֶן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת - גֵיי צוּרִיק צוּם מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא.

הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אֲשֶׁר בַּנַחַל, מֶען הָאט גֶעגָאסְן דִי מִקְוֶה. דֶער דַיָן מִיט דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט וֶועלְכֶע הָאבְּן גוּט דוּרְכְגֶעלֶערְנְט הִלְכוֹת מִקְוָאוֹת זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען אוּן גֶעזֶען אַז אַלֶעס זָאל זַיין כָּשֵׁר וְיָשָׁר, דִי אִינְגֶעלַייט הָאבְּן דָאס גֶעגָאסְן, אִיךְ הַאלְט שׁוֹין נִישְׁט חֶשְׁבּוֹן בַּיי דִי וִויפְלְטֶע מִקְוֶה מֶען הַאלְט שׁוֹין.

אִינְדֶערְפְרִי אִיז דָא דֶער שִׁיעוּר אוּנְטְן אִין וַואלְד בַּיי דִי בָּחוּרִים, מֶען לֶערְנְט אִינְאֵיינֶעם אַ בְּלַאט גְמָרָא; עֶס אִיז אַזוֹי מְחַיֶ'דִיג, אַזוֹי גֶעשְׁמַאק; לֶערְן דוּ אוֹיךְ דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, אֲפִילוּ נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ה - הַתְמָדַת הַתּוֹרָה

### פוּפְצִיג מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ה' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן עֶרֶב שַׁבָּת דַיין הוֹדָעָה אַז דוּ הָאסְט מְסַיֵים גֶעוֶוען דִי פוּפְצִיגְסְטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל נַחַת צוּ זֶען וִוי דוּ לֶערְנְסְט אַזוֹי

פְלַייסִיג; דוּ בִּיסְט מַמְשִׁיךְ יֶעצְט נָאךְ דַיין חֲתוּנָה, דוּ לֶערְנְסְט וַוייטֶער פְלַייסִיג - אַזוֹי וִוי אַלְס בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ וֶוען מֶען פְלֶעגְט זָאגְן פַאר מוֹהֲרָא"ש סִיוּמִים - פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"ש מִיר זָאגְן: "מִיר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט צוּ שֶׁעמֶען פוּן קַיין שׁוּם פְלַאץ"; בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט זָאלְן לֶערְנֶען מִיט אַזַא הַתְמָדָה, מִיט דֶעם וָואס מֶען אַרְבֶּעט, מֶען הֶעלְפְט אִין שְׁטוּבּ - כַאפְּט מֶען אַרוֹיס פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, דַפִּים גְמָרָא וְכוּ' וְכוּ'

לָאמִיר טַאנְצְן: "אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ אֲשֶׁר בַּנַּחַל שָׁם גּוֹרָלֵנוּ"!

...

## ו - וְתַלְמוּדוֹ בְּיָדוֹ

### וֶוען דוּ לֶערְנְסְט, זָאלְסְטוּ אַרוֹיסְזָאגְן דִי וֶוערְטֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ה שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן; אֲפִילוּ עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער - דָאךְ זָאלְסְטוּ וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דֶעם. אַזוֹי אִיז וֶוען מֶען דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין אָנְהוֹיבּ שְׁפִּירְט מֶען אַ שְׁוֶוערֶע טַעַם, אָבֶּער מִיט דֶער צַייט וֶוערְט עֶס אַזוֹי זִיס אוּן גֶעשְׁמַאק, מֶען וִויל שׁוֹין גָארְנִישְׁט, מֶען דַארְף שׁוֹין גָארְנִישְׁט; מֶען וִויל נָאר בְּלַייבְּן מִיט דִי טַעַם פוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען.

וֶוען דוּ לֶערְנְסְט - זָאלְסְטוּ אַרוֹיסְזָאגְן דִי וֶוערְטֶער. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת לִימוּד, סִימָן טז): "הַלּוֹמֵד בְּקוֹל רָם מַאֲרִיךְ יָמִים, וְתַלְמוּדוֹ מִתְקַיֵּם בְּיָדוֹ", וֶוער עֶס לֶערְנְט אוֹיפְן קוֹל - וֶועט לַאנְג לֶעבְּן, אוּן דִי תּוֹרָה וֶועט זִיךְ בַּיי אִים הַאלְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# ל - זִכְרוֹן הַתּוֹרָה

## דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ״ג אִיָּיר, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר טֵייעֶרֶער הַארְצִיגֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער: דַאוֶוען נִישְׁט אִין שְׁטוּב בִּיְחִידוּת נָאר גֵיי אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ גוֹרֵם זַיין אַ שִׂמְחָה אוֹיבְן אִין הִימְל.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:) ״בְּשָׁעָה שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּא בְּבֵית הַכְּנֶסֶת וְלֹא מָצָא בָּהּ עֲשָׂרָה, מִיָּד הוּא כּוֹעֵס, שֶׁנֶּאֱמַר (יְשַׁעְיָה נ, ב): ׳מַדּוּעַ בָּאתִי וְאֵין אִישׁ, קָרָאתִי וְאֵין עוֹנֶה׳״, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּמְט אִין שׁוּל אִין זֶעט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין מִנְיָן וֶוערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּכַּעַס; זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס פַארְקֶערְטֶע אוֹיךְ, אַז וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּמְט אִין שׁוּל אוּן זֶעט ווִי מֶען דַאוְונְט מִיט מִנְיָן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פוּן דֶעם אַ נַחַת רוּחַ.

וֶוען מֶען דַאוְונְט מִיט מִנְיָן וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען דִי תְּפִלּוֹת - נִישְׁט קַיין חִילוּק ווִי אַזוֹי מֶען דַאוְונְט, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ז:) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים סט, יד): ״וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ ה׳ עֵת רָצוֹן״, ״אֵימָתַי עֵת רָצוֹן״ וֶוען אִיז אַן עֵת רָצוֹן? ״בְּשָׁעָה שֶׁהַצִּבּוּר מִתְפַּלְּלִין״, וֶוען דֶער צִיבּוּר דַאוְונְט; בֶּעט אִיךְ דִיר: גֵיי יֶעדְן טָאג אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן.

נָאכְן דַאוֶוענֶען זָאלְסְטוּ מַקְפִּיד זַיין אוֹיף פַּת שַׁחֲרִית; אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ חֲסִידִים זֶענֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד צוּ עֶסְן פַּת שַׁחֲרִית גְלַייךְ נָאכְן דַאוֶוענֶען. ווַייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת כַּעַס, סִימָן יז): ״סְגֻלָּה לְכַעַס, שֶׁיֹּאכַל פַּת שַׁחֲרִית״, פַּת שַׁחֲרִית אִיז מְסוּגָל מֶען זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּ כַּעַס; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת לִימּוּד, סִימָן מח): ״עַל יְדֵי פַּת שַׁחֲרִית תַּלְמוּדוֹ מִתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְזוֹכֶה לִלְמֹד וּלְלַמֵּד״, פַּת שַׁחֲרִית אִיז מְסוּגָל מֶען זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען, גֶעדֶענְקֶען דָאס לֶערְנֶען אוּן אוֹיךְ צוּ הָאבְן הַצְלָחָה מִיטְן פַארְלֶערְנֶען

פַּאר תַּלְמִידִים; זָאלְסְטוּ פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער מַקְפִּיד זַיין זִיךְ צוּ וַואשְׁן יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי תֵּיכֶף נָאךְ שַׁחֲרִית אוּן זָאלְסְט בֶּענְטְשְׁן אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער, וָואס דָאס אִיז מְסוּגָל צוּ עֲשִׁירוּת.

עֶס זֶעט דִיר אוֹיס ווִי פְּשׁוּט'עֶ זַאכְן אָבֶּער דָאס אִיז בַּיים רֶבִּי'ן דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט; אַז דוּ וֶועסְט דָאס פָּאלְגְן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

מָארְגְן וֶועט זַיין אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אַ פְּרוּוּעֶן צוּזַאמְקוּם, זֶע צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּב אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן.

אִיךְ דַארְף יֶעצְט הָאבְּן מְזוּמָן צוּ שִׁיקְן קַיין אוּמַאן; אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן, פַארְבִּינְד זִיךְ מִיט הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר וֶועלְכֶער וֶועט דִיר גֶעבְּן אַ טְשֶׁעק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ח - חַיִּים שֶׁל תּוֹרָה

### מִיט תּוֹרָה הָאט מֶען אַ גוּט לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת קֹרַח, כ"ז סִיוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו עֶרֶב שַׁבָּת.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ מוֹרָא'דִיג מְחַיֶה גֶעוֶועזְן צוּ הֶערְן אַז דוּ שְׁטַארְקֶסְט זִיךְ מִיטְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, אוּן דוּ בִּיסְט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תּוֹרָה; דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ גֵייסְט מְסַיֵּים זַיין דִי צְוֵוייטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אַשְׁרֶיךָ בָּעוֹלָם הַזֶּה וְטוֹב לְךָ לָעוֹלָם הַבָּא!

אִין דִי תּוֹרָה לִיגְט אַלֶעס גוּטְס; אַז מֶען לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן, אוּן מֶען וֶוערְט אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דוּ הָאסְט מִיר מַמָּשׁ מְחַיֶּה גֶעוֶועזְן מִיט דִי פָּאר וֶוערְטֶער וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן, וַוייל עֶס אִיז שׁוֹין צֶען יָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר

גֶעגֶעבְּן דִי זְכִיָּה צוּ לֶערְנֶען מִיט תַּלְמִידִים, און וֶוען מֶען הֶערְט צוּרִיק פוּן אִינְגֶעלַייט וִוי מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ, אֲפִילוּ מֶען אַרְבֶּעט שְׁוֶוער צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה - דָאךְ לֶערְנְט מֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, מִשְׁנָיוֹת וְכוּ'; מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט דִי אַלֶע דְרָשׁוֹת וָואס מֶען הָאט גֶעהֶערְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אִין יְשִׁיבָה, דָאס גֶעבְּט כֹּחַ וַוייטֶער צוּ לֶערְנֶען מִיט פְרִישֶׁע תַּלְמִידִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן שֶׁפַע, זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב צוּזַאמֶען מִיט דַיין וַוייב תִּחְיֶ', אָמֵן.

...

## ט - טִיב הַתּוֹרָה

**תּוֹרָה אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס מַאכְט צוּפְרִידְן דֶעם מֶענְטְשׁ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פ' בְּרֵאשִׁית, אִסְרוּ חַג סוּכּוֹת, כ"ד תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאף דִיר וַוייטֶער צוּ שְׁרַייבְּן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חִיזּוּק און עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; יֶעצְט בִּין אִיךְ זֵייעֶר פַארְנוּמֶען, סַיי אַז מִיר הוֹיבְּן אָן קוּמֶענְדִיגְן זוּנְטָאג דֶעם עֶלְפְטְן יָאר יְשִׁיבָה און אוֹיךְ דַארְף מֶען יֶעצְט מְסַדֵּר זַיין אַלֶע כִּיתּוֹת אִין חֵדֶר, בַּיי אוּנְז גֵייעֶן דִי קִינְדֶער אַרוֹיף צוּם נֵייעֶם מְלַמֵּד נָאךְ סוּכּוֹת - אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם דֶעם קוּמֶענְדִיגְן זוּנְטָאג; דֶעריבֶּער הָאבּ אִיךְ נִישְׁט יֶעצְט קַיין צַייט דִיר צוּ שְׁרַייבְּן לַאנְגֶע בְּרִיווּ.

אִיךְ וִויל דִיר מְחַזֵּק זַיין אוֹיבּ דוּ הָאסְט נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית אַז דוּ זָאלְסְט הַיינְט אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין; מִיר הָאבְּן יֶעצְט מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה און מֶען הֵייבְּט שׁוֹין אָן נָאכְאַמָאל דִי תּוֹרָה.

מוֹהֲרַא"שׁ הָאט נָאכְגֶעזָאגְט בְּשֵׁם זַיין טַאטְן - דֶער טָאקַאי'עֶר רַב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַז שִׂמְחַת תּוֹרָה מַאכְט מֶען אַ פַארְקֶערְטֶע הַגְבָּהָה און דֶער וָואס גֵייט הַגְבָּהָה זֶעט אַ לֵיידִיגֶע שְׁטִיק פַּארְמֶעט, צוּ וַוייזְן פַארְן מֶענְטְשׁ עֶר זָאל נִישְׁט

מֵיינֶען אַז וִויבַּאלְד עֶר הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה דַארְף עֶר שׁוֹין נִישְׁט לֶערְנֶען, דֶערִיבֶּער וַוייזְט מֶען אִים: 'קוּק אַז דֶער פַּארְמֶעט אִיז לֵיידִיג, מֶען דַארְף נָאכְאַמָאל אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה'.

אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען תּוֹרָה וֶועסְטוּ זַיין צוּפְרִידְן; גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען צוּפְרִידְנְשְׁטֶעלְן דֶעם מֶענְטְשׁ, נָאר דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. דֶערִיבֶּער אִיז יֶעצְט דֶער רִיכְטִיגֶער צַייט זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן אִין אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; בִּפְרַט אַז מִיר הָאבְּן דֶעם 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד' פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס זָאגְט אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

## י - יִשְׂרָאֵל וְאוֹרַיְתָא

### דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט נִישְׁט קַיין שְׁלִיטָה אוֹיף אַ אִיד וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לפ"ק

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאף אַז דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג דֶעם דַף גְּמָרָא; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מַכּוֹת יב), דְרֵיי טָעוּתִים וֶועט דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְן וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶוען עֶר וֶועט זֶען וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אִים שֶׁחְטְ'ן - עֶר וֶועט אַנְטְלוֹיפְן קַיין 'בָּצְרָה', מֵיינֶענְדִיג אַז דָאס אִיז 'בֶּצֶר' אֵיינֶע פוּן דִי עָרֵי מִקְלָט שְׁטֶעט וואוּ מֶען קֶען זִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן מִיתָה, דֶער צְוֵוייטֶע טָעוּת וָואס עֶר וֶועט מַאכְן - עֶר וֶועט מֵיינֶען אַז אַ מֵזִיד קֶען אוֹיךְ אַנְטְלוֹיפְן אוּן זִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן מִיתָה, אָבֶּער בֶּאֱמֶת הֶעלְפְט נָאר דִי עָרֵי מִקְלָט פַאר אַ שׁוֹגֵג, דִי דְרִיטֶע טָעוּת וֶועט עֶר מַאכְן - עֶר וֶועט מֵיינֶען אַז דִי עָרֵי מִקְלָט הֶעלְפְט אוֹיךְ פַאר אַ מַלְאָךְ, בִּיז דֶערְוַוייל הֶעלְפְט דָאס נָאר פַאר אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט פַאר אַ מַלְאָךְ.

דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה פְרֶעגְט (יִשְׂמַח מֹשֶׁה, פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה): "וְוִי אַזוֹי קֶען זַיין אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם גֵייט מַאכְן דִי דְרֵיי טָעוּתִים, עֶר הֶערְט דָאךְ יֶעדֶע שַׁבָּת וְוִי מֶען זִינְגְט בַּיי דִי זְמִירוֹת 'בְּבוֹאוֹ מֵאֱדוֹם חֲמוּץ בְּגָדִים וְכוּ'' וואו מֶען רֶעכְנְט אוֹיס אַלֶע דְרֵיי טָעוּתִים וָואס עֶר גֵייט מַאכְן, וֵוייסְט עֶר דָאךְ שׁוֹין וָואס נִישְׁט צוּ טוּן?" זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה, "מוּז זַיין, אַז וֶוען אַ אִיד זִינְגְט זְמִירוֹת שִׁיקְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַרוֹיס דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם עֶר זָאל נִישְׁט הֶערְן וְוִי מֶען פַארְצֵיילְט דִי טָעוּתִים וָואס עֶר גֵייט מַאכְן"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וְוִי חָשׁוּב עֶס אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען אַ אִיד זִינְגְט זְמִירוֹת, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְטְרַייבְּט דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם, אוּן אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אִיז נִישְׁט דָארְט אִיז דָאךְ זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶער זְמַן דֶעמָאלְט.

מִיר אִיז שְׁוֶוער, פַארְוָואס שְׁטֶעלְט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה נָאר אוֹיף דֶעם, אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הֶערְט וְוִי מֶען זִינְגְט זְמִירוֹת וֶועט עֶר הֶערְן וְוִי מֶען פַארְצֵיילְט זַיינֶע טָעוּתִים וְכוּ', דֶער קַשְׁיָא אִיז נִישְׁט נָאר בַּיי זְמִירוֹת, נָאר יֶעדֶעס מָאל וֶוען אַ אִיד לֶערְנְט דִי גְמָרָא (מַכּוֹת יב) וואו מֶען רֶעכְנְט אוֹיס דִי דְרֵיי טָעוּתִים וָואס דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם גֵייט מַאכְן הֶערְט דָאךְ דָאס דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם, פַארְוָואס שְׁטֶעלְט זִיךְ דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה נָאר אוֹיף דִי פַאל וֶוען מֶען זִינְגְט זְמִירוֹת? נָאר וֶוען אַ אִיד לֶערְנְט תּוֹרָה אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם שְׁלִיטָה אוֹיף אִים, וַוייל גְמָרָא פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת, אַזוֹי וְוִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ריד); מִמֵּילָא אִיז דָאס שׁוֹין בִּכְלָל נִישְׁט שְׁוֶוער, וַוייל עֶר קֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ אַ אִיד וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה, דֶער קַשְׁיָא אִיז נָאר בַּיי זְמִירוֹת שַׁבָּת וָואס עֶס זֶעט אוֹיס אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין תּוֹרָה.

אַלֶעס וֶועט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם לָאזְן טוּן – נָאר נִישְׁט עֶפֶּענֶען דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא; אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, מַיין טַייעֶרֶער ..., הֵייבּ הַיינְט אָן דֶעם דַף גְמָרָא (דִי הַיינְטִיגֶע דַף אִיז מַכּוֹת יב), דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן אַן אַנְדֶערֶע טַעַם אִין דַיין לֶעבְּן; דַיינֶע טֶעג וֶועלְן נִישְׁט זַיין פִּיסְט, דַיין לֶעבְּן וֶועט דִיר נִישְׁט זַיין נִמְאָס, דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין אַלֶעס וָואס דִי טוּסְט.

אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא אִיז אַן עִנְיָן אַחֵר לְגַמְרֵי;

קוּק נִישְׁט צִי דוּ פַארְשְׁטֵייסְט יָא אָדֶער דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט, דוּ פָּאלְג דֶעם רֶבִּי'ן, זָאג אַ דַף גְמָרָא יֶעדְן טָאג וֶועט דִיר דָאס לֶעבְּן גֵיין גְרִינְגֶער.

זֶע צוּ זִינְגֶען שַׁבָּת דִי זְמִירוֹת; דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן דָאס גֶעדֶענְקֶען בְּמֶשֶׁךְ זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן. עֶס אִיז אַזוֹי חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען אַ אִיד זִינְגְט זְמִירוֹת, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טְרַייבְּט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּב דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זָאגְט (כַּנַ"ל).

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

## כ - כְּבוֹד הַתּוֹרָה

### אַרַיינְנֶעמֶען דִי קִינְדֶער בַּיים טוּן מִצְוֹת; הַכָּרַת הַטּוֹב אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מִדָּה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י"ג נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַיינְט נַאכְט אִיז מֶען בּוֹדֵק חָמֵץ. עַל פִּי הֲלָכָה טָאר מֶען גָארְנִישְׁט טוּן פוּן וֶוען עֶס וֶוערְט נַאכְט; מֶען טָאר נִישְׁט לֶערְנֶען אוּן מֶען טָאר נִישְׁט עֶסְן פַאר מֶען אִיז בּוֹדֵק חָמֵץ. זָאלְסְט אוֹיסְרֶעכֶענֶען צוּ זַיין צַייטְלִיךְ אִין שְׁטוּב כְּדֵי דוּ זָאלְסְט קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין, בִּפְרַט אַז דוּ הָאסְט קִינְדֶער דַארְפְסְטוּ אַהֵיים גֵיין בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין מִיט זֵיי, זֵיי זָאלְן זֶען וִוי אַזוֹי דוּ בִּיסְט בּוֹדֵק חָמֵץ.

בִּכְלָל זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען נֶעמְט זֵיי אַרַיין אִין דֶעם, זֵיי הַאלְטְן מִיט דִי הֲכָנוֹת אוּן צוּגְרֵייטוּנְגֶען צוּ דִי מִצְוָה, גֵייט זֵיי דָאס אַרַיין אִין דִי בֵּיינֶער אוּן וֶוען זֵיי וֶועלְן עֶלְטֶער וֶוערְן וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ טוּן אַלֶע מִצְוֹת. טְרַאכְט נִישְׁט אַז דוּ הָאסְט צַייט זֵיי צוּ מְחַנֵּךְ זַיין שְׁפֶּעטֶער וֶוען זֵיי וֶוערְן עֶלְטֶער, נָאר יֶעצְט וֶוען זֵיי זֶענֶען יוּנְג, וֶוען זֵיי ווִילְן נָאךְ מִיט הַאלְטְן - אִיז דִי צַייט זֵיי צוּ מְחַנֵּךְ זַיין.

אַז דו גֵייסְט פַארְקוֹיפְן דִי חָמֵץ בַּיים דַיָין זָאלְסְטוּ גֵיין צוּם דַיָין וֶועם דוּ נִיצְט אַ גַאנְץ יָאר אוּן פַארְגֶעס נִישְׁט אִים צוּ גֶעבְּן עֶפֶּעס לְכָבוֹד יוֹם טוֹב; מֶענְטְשְׁן כַאפְּן נִישְׁט אַז אַ דַיָין אַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער אַ גַאנְץ יָאר שֶׁלֹּא עַל מְנַת לְקַבֵּל פְּרָס. עֶר וֶוערְט גֶעשְׁטֶערְט אִין אַלֶע זַיינֶע צַייטְן וְכוּ׳; יֶעדֶער טְרַאכְט: ׳אִיךְ הָאבּ אַ וִויכְטִיגֶע שְׁאֵלָה, אִיךְ מוּז שְׁטֶערְן דֶעם דַיָין אִינְמִיטְן עֶסְן, אִיךְ מוּז אוֹיפְוֶועקְן דֶעם דַיָין אִינְמִיטְן שְׁלָאפְן וְכוּ׳ וְכוּ׳׳, אַלֶע ווִילְן נָאר אֵיין מִינוּט. אִיךְ גֶעדֶענְק אַלְץ קִינְד בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א פְלֶעגְט מֶען קוּמֶען אַ גַאנְצְן טָאג צוּ אִים פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת; עֶר פְלֶעגְט אַהֵיים קוּמֶען אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן עֶסְן נַאכְטְמָאל, יֶעדֶע פָּאר מִינוּט הָאט מֶען גֶעקְלַאפְּט אִין טִיר: "דֶער דַיָין אִיז דָא?" מַיין טַאטֶע אִיז אַרוֹיס רֶעדְן מִיט יֶענֶעם, אוּן אַזוֹי ווִי עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל עֶסְן קְלַאפְּט נָאךְ אֵיינֶער: "דֶער דַיָין אִיז דָא?" אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען בַּיי יֶעדֶע שַׁבָּת׳דִיגֶע סְעוּדָה, שְׁטֶענְדִיג זֶענֶען מֶענְטְשְׁן גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן זֵייעֶרֶע שְׁאֵלוֹת. אוֹיבּ הָאט מֶען גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז דֶער דַיָין קֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען, הָאט יֶענֶער זִיךְ גֶעבֶּעטְן: "עֶס אִיז אַ ווִיכְטִיגֶע שְׁאֵלָה, אַ פִּקּוּחַ נֶפֶשׁ שְׁאֵלָה", וֶוען דֶער דַיָין הֶערְט דָאס קֶען עֶר נִישְׁט זַיין שְׁלֶעכְט, גֵייט עֶר נָאכְאַמָאל אַרוֹיס רֶעדְן; דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג זִיךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען אוּן אַרוֹיס ווַייזְן הַכָּרַת הַטּוֹב.

אוֹיךְ וֶוען דוּ גֵייסְט צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן אָדֶער צוּ דַיין ווַייבְּ׳ס עֶלְטֶערְן זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאדַאנְקֶען, דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מִדָּה. אִיךְ זָאג שְׁטֶענְדִיג פַאר דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אִינֶעם מוֹסָד: "וֶוען עֶלְטֶערְן זֶענֶען עֶנְק מְבַזֶּה, זָאל עֶס עֶנְק נִישְׁט וֵויי טוּן ווַייל דָאס אִיז זֵייעֶר פְּרָאבְּלֶעם, אוּן וֶוען מֶען בַּאדַאנְקְט עֶנְק הָאט דָאס אוֹיךְ נִישְׁט מִיט עֶנְק, ווַייל דָאס ווַייזְט אַז דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען וואוֹילֶע זִיסֶע מֶענְטְשְׁן"; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג לֶעבְּן מִיט הַכָּרַת הַטּוֹב וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן גוּטְס.

הַכָּרַת הַטּוֹב אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מִדָּה וָואס אִיז דָא; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מַכִּיר טוֹבָה פַאר אֵיינֶער וָואס אִיז אַרוֹיס פוּן זַיין וֶועג אִים צוּ הֶעלְפְן אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַן אֵיידֶעלֶער מֶענְטְשׁ. דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ פַארְקוֹיפְן דַיין חָמֵץ בַּיי

דֶעם דַיְין וָואס פַּסְקְ'נְט דִיר אַ גַאנְץ יָאר דַיינֶע שְׁאֵלוֹת און אִים גֶעבְּן עֶפֶּעס לְכָבוֹד יוֹם טוֹב.

אוֹיךְ אַ גַאנְץ יָאר זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ אִים און פוּן אִים מִיטְן פוּלְסְטְן דֶרֶךְ אֶרֶץ; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת כג:) רָבָא זָאגְט: "דְּרָחִים רַבָּנָן הָוֵי לֵהּ בְּנִין רַבָּנָן", וֶוער עֶס הָאט לִיבּ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, "דְּמוֹקִיר רַבָּנָן הָוֵי לֵהּ חַתְנוּתָא רַבָּנָן", און וֶוער עֶס אִיז מְכַבֵּד תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אֵיידֶעמֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, ווייל אַז דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט פוּן אַ תַּלְמִיד חָכָם און עֶר רֶעדְט שֵׁיין פוּן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וֶועלְן זַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן זַיין תַּלְמִידֵי חֲכָמִים און דִי טֶעכְטֶער וֶועלְן אוֹיךְ וֶועלְן מֶענֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, אָבֶּער אַז דִי קִינְדֶער הֶערְן טָאג און נַאכְט חוֹזֶק מַאכְן פוּן אַלֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, וָואס קֶען מֶען נָאךְ עֶרְוַוארְטְן זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן...

נֶעם מִיט דַיין בָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר וֶוען דוּ גֵייסְט פַּארְקוֹיפְן דִי חָמֵץ; זָאל עֶר זֶען וִוי מֶען בֵּייגְט אַיין דֶעם קָאפּ און מֶען פְרֶעגְט דֶעם דַיָין וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, וֶועט עֶר אוֹיךְ גֵיין נָאךְ דִי חֲתוּנָה פְרֶעגְן זַיינֶע שְׁאֵלוֹת וְכוּ'. אִיךְ וֶועל קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קִינְד און מַיין טַאטֶע הָאט מִיךְ מִיט גֶענוּמֶען וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען פְרֶעגְן זַיינֶע שְׁאֵלוֹת דֶעם דֶעבְּרֶעצִינֶער רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַזוֹי אִיז מִיר גֶעבְּלִיבְּן אִין זִכָּרוֹן דֶעם גְרוֹיסְן גָאוֹן פוּן אַלְס קִינְד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

# ל - לִימּוּד הַתּוֹרָה

## אַנְשְׁטָאט זִיךְ טַעְנָה'ן, זָאלְט אִיר אַרַיינְכַאפְּן נָאךְ אַ מִשְׁנָה, נָאךְ אַ בְּלַאט גְמָרָא

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח, י"ג שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד דִי טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן בְּנֵי בְּרַק, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט אִיז דִי יוֹם הֻלֶּדֶת פוּן רֶבִּי נָתָן; אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְּלֶעגְן זִיךְ צַאמְקוּמֶען מִיט רֶבִּי נָתָן מַאכְן אַ סְעוּדָה, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי מַתָּנָה אַז מִיר הָאבְּן אַזַא תַּלְמִיד וִוי רֶבִּי נָתָן.

בְּדֶרֶךְ כְּלַל מַאכְט מֶען נִישְׁט קַיין עֵסֶק בַּיי אִידְן פוּן אַ יוֹם הֻלֶּדֶת, דָאס אִיז וַוייל מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס וֶועט זַיין מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר חָרוּב מַאכְן דִי וֶועלְט, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר שֶׁעדִיגְן דִי וֶועלְט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה מח, א) אוֹיפְן פָּסוּק (קֹהֶלֶת ז, א): "טוֹב שֵׁם מִשֶּׁמֶן טוֹב", אַ גוּטֶע נָאמֶען גֵייט וַוייטֶער ווִי גוּטֶע בְּשָׂמִים, "וְיוֹם הַמָּוֶת מִיּוֹם הִוָּלְדוֹ", אוּן דֶער טָאג וָואס מֶען שְׁטַארְבְּט אִיז בֶּעסֶער פוּנֶעם טָאג וָואס מֶען וֶוערְט גֶעבּוֹירְן; זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אַ מָשָׁל, וֶוען אַ שִׁיף פָּארְט אַרוֹיס פוּנֶעם פָּארְט אָנְגֶעפִילְט מִיט סְחוֹרָה, דֶעמָאלְט פַייפְט מֶען נִישְׁט מִיט טְרָאמְפֵּייטֶערְס, וַוייל מֶען וֵוייסְט נִישְׁט צִי דֶער שִׁיף וֶועט אָנְקוּמֶען אָדֶער נִישְׁט, אָבֶּער וֶוען מֶען זֶעט אַז דֶער שִׁיף קוּמְט אָן בְּשָׁלוֹם צוּם פָּארְט, דֶעמָאלְט קוּמְט מֶען מִיט טְרָאמְפֵּייטֶערְס, מֶען שַׁאלְט אוּן מֶען פְרֵייט זִיךְ מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה.

דָאס זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעבּוֹירְן, מֶען וֵוייסְט נָאכְנִישְׁט וָואס וֶועט זַיין מִיט אִים, צִי עֶר וֶועט צוּגֶעבְּן צוּ דִי וֶועלְט אָדֶער פַּארְקֶערְט, דֶערְפַאר מַאכְט מֶען נִישְׁט קַיין 'יוֹם הֻלֶּדֶת', מַה שֶּׁאֵין כֵּן בַּיי אַ יָארְצַייט, מַאכְט מֶען אַן עֵסֶק אוּן מֶען מַאכְט אַ יָארְצַייט סְעוּדָה, אָבֶּער אַ צַדִּיק וָואס מַאכְט לִיכְטִיג דִי וֶועלְט - דַאנְקְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם טָאג וָואס דֶער צַדִּיק אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט.

אִיר זֶענְט אַלֶע פְרִישֶׁע מְקוֹרָבִים, בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר, גֶעבְּט אַכְטוּנְג

מֶען זָאל אַייך נִישְׁט פַארְפִירְן; אִיך ווִיל אִיר זָאלְט ווִיסְן וָואס אִיז בַּיים רֶבִּי'ן דֶער עִיקָר.

דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט פַאר זַיין אֵיידֶעם (מִכְתְּבֵי רַבֵּינוּ ז"ל בִּתְחִלַּת סֵפֶר עָלִים לִתְרוּפָה, מִכְתָּב ב): "בְּבַקָּשָׁתִי מֵאֲהוּבִי חֲתָנִי", אִיך בֶּעט דִיר מַיין לִיבֶּער אֵיידֶעם, "שֶׁתִּלְמוֹד בְּכָל יוֹם שִׁיעוּר גְּמָרָא וּפוֹסֵק", זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְמָרָא אוּן הֲלָכָה, "שֶׁלֹּא תַּעֲשֶׂה חַס וְשָׁלוֹם מִטָּפֵל עִקָּר", מַאך נִישְׁט פוּן נִישְׁט ווִיכְטִיגֶע זַאכְן אַן עִיקָר, "רַק אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא", הָאבּ מוֹרָא פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "כִּי זֶה כָּל הָאָדָם", פַאר דֶעם זֶענֶען מִיר בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן; פוּן דִי קְלֵיינֶע בְּרִיוו וָואס דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט פַאר זַיין אֵיידֶעם רֶבִּי יוֹסְקָא, זֶעט מֶען וָואס דֶער רֶבִּי ווִיל פוּן אוּנְז; נָאר תּוֹרָה, תְּפִלָּה וְיִרְאַת שָׁמַיִם, דֶער רֶבִּי ווִיל מִיר זָאלְן לֶערְנֶען, מִיר זָאלְן הָאבְּן שִׁיעוּרִים בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ.

אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אִין אַלֶע דוֹרוֹת, בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ חֲסִידִים הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט אַ גְרוֹיסֶע הַתְמָדָה; וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) דֶעמָאלְט לֶערְנְט מֶען אָן אַ שִׁיעוּר, מֶען הָאט אַלְץ גֶעווּיסְט אַז דִי וָואס לֶערְנֶען אַסַאך בְּלֶעטֶער גְמָרָא - זֶענֶען בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ. רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט אִין אַ בְּרִיוו (עָלִים לִתְרוּפָה, מִכְתָּב קעד): "גַּם פֹּה נִמְצָא מִתְנַגֵּד אֶחָד", עֶס גֶעפִינְט זִיך דָא אַ מִתְנַגֵּד, "שֶׁבְּנוֹ הִתְחִיל קְצָת לְהִתְקָרֵב לְאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ, וְלָמַד הַרְבֵּה גְּמָרָא וּפוֹסְקִים", וָואס זַיין זוּן אִיז מְקוּרָב צוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג, "וְעַתָּה, מַבְרִיחִים אוֹתוֹ אַנְשֵׁי בְּלִיַּעַל, הַמְכַנִּים עַצְמָם בְּשֵׁם חֲסִידִים, וּמוֹנְעִים אוֹתוֹ בְּעַל כָּרְחוֹ מִלִּלְמֹד גְּמָרָא וּפוֹסְקִים, וְאוֹמְרִים שֶׁטּוֹב יוֹתֵר לְדַבֵּר עִמָּהֶם", דִי מִתְנַגְּדִים רֶעדְן אִים אָפּ פוּן לֶערְנֶען גְמָרָא וּפוֹסְקִים, זֵיי זָאגְן אִים אַז עֶר זָאל עֶנְדֶערְשׁ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זֵיי ווִי צוּ לֶערְנֶען, "וְאָבִיו צָעַק עַל בְּנוֹ הַנַּ"ל, אֲנִי נוֹתֵן לְךָ לֶאֱכֹל עַל מְנָת שֶׁלֹּא תִּלְמַד רַק דַּף גְּמָרָא אֶחָד בְּכָל יוֹם, לֹא יוֹתֵר! כִּי מִי שֶׁלּוֹמֵד כָּל הַיּוֹם הוּא בְּרֶסְלֶבֶר וְכוּ'", זַיין טַאטֶע שְׁרַייט אוֹיף אִים עֶר זָאל אוֹיפְהֶערְן צוּ לֶערְנֶען אַזוֹי סַאך, ווַייל וֶוער עֶס לֶערְנְט אַסַאך אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר, אוּן דֶער טַאטֶע זָאגְט אִים אַז עֶר גֵייט אִים אוֹיפְהֶערְן גֶעבְּן עֶסְן אוֹיבּ לֶערְנְט עֶר מֶער ווִי אֵיין דַף גְמָרָא; זָאגְט רֶבִּי נָתָן אַ מוֹרָא'דִיגֶער לָשׁוֹן: "הַכְּלָל, שֶׁאֵין הַמִּתְנַגְּדִים

עוֹמְדִים לִמְנֹעַ מִלְּלְמֹד סִפְרֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, רַק פְּנִימִיּוּת כַּוָּנַת הָרַע שֶׁבְּלִבָּם הוּא לְבַטֵּל מִיִּשְׂרָאֵל כָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ, כִּי יָדוּעַ לָכֶם מַעֲשֵׂי בְּנֵי הַנְּעוּרִים, בִּפְרָט בַּדּוֹר הַזֶּה, וְאֵין שׁוּם הַצָּלָה כִּי אִם עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, וְאֵין מִי שֶׁיַּכְנִיס לִמּוּד הַתּוֹרָה וְקִיּוּם הַתּוֹרָה בָּעוֹלָם כְּמוֹ אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עַל יְדֵי אֲמִתַּת דְּרָכָיו הַקְּדוֹשִׁים שֶׁגִּלָּה עַל יָדֵינוּ, וּבְסִפְרָיו הַקְּדוֹשִׁים", דִּי מִתְנַגְּדִים ווִילְן נִישְׁט אַז מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, זֵיי ווִילְן אוֹיסְרַייסְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה; ווַייל עֶס אִיז אַייךְ בַּאווִיסְט דִי מַעֲשֵׂי בְּנֵי הַנְּעוּרִים פוּנֶעם דוֹר, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם וֶועג זֵיי צוּ רַאטֶעוֶועןְ נָאר דוּרְךְ לִימּוּד הַתּוֹרָה, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא וֶוער עֶס זָאל אַרַיינְבְּרֶענְגֶען לִימּוּד הַתּוֹרָה נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי.

וֶוער עֶס פָּאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן לֶערְנְט אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, אִיז זוֹכֶה בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט צוּ עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "נִכְסַפְתִּי מְאֹד לְהַמְשִׁיךְ אֶת הָעוֹלָם אֶל עֲשִׂיָּה, שֶׁיִּהְיֶה חִיּוּב אֵצֶל כָּל אֶחָד וְאֶחָד לִלְמוֹד כָּךְ וְכָךְ, בְּכָל יוֹם וְלֹא יַעֲבֹר, וְכַיּוֹצֵא", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין מֶענְטְשְׁן אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם): "שֶׁאֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדוּשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם, אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כַּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם; וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חוֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמוֹד בְּכָל יוֹם וְיוֹם כַּךְ וְכַךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ', וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, ווַייל דִי כֹּחַ פוּן דִי תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי שִׂיחָה הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן צִי עֶס גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיף אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים אוּן

גֶעזָאגְט: "דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז?! תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס" (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג); זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל לֶערְנֶען, וַוייל תּוֹרָה אִיז דִי עֵצָה אַז מֶען זָאל וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לֵיידֶער אִין בְּרֶסְלֶב אַלֵיינְס מַאכְט מֶען חוֹזֶק פוּנֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד; מֶען רֶעדְט פוּן טָפֵל זַאכְן, מֶען דֶערְצֵיילְט שִׂיחוֹת פוּן זְקֵנִים וְכוּ' וְכוּ', אָבֶער אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִיז דֶער שִׂיחָה אֵיינֶע פוּן דִי עִקָּרִים אִין בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידוּת.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, טַעְנָה'ט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם; אַנְשְׁטָאט טַעְנָה'ן זָאלְט אִיר אַרַיינְכַאפְּן נָאךְ אַ מִשְׁנָה, נָאךְ אַ בְּלַאט גְמָרָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.

...

## מ - מְתִיקוּת הַתּוֹרָה

**זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן מְתִיקוּת הַתּוֹרָה, גֵייט נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, ב' סִיוָן, מ"ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הָאבּ סַבְלָנוּת, עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט; זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן מְתִיקוּת הַתּוֹרָה - דָאס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל, מֶען דַארְף אַסַאךְ לֶערְנֶען אָן קַיין הַרְגָּשָׁה - בִּיז מֶען קוּמְט אָן צוּ שְׁפִּירְן מְתִיקוּת הַתּוֹרָה.

שְׁטַארְק זִיךְ, זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֵיין יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת; זוּךְ אַ לֵיידִיגֶע פְּלַאץ וואוּ דוּ קֶענְסְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר וַוייזְן דִי זִיסְקֵייט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דִי עֲרֵבוּת וּמְתִיקוּת הַתּוֹרָה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ דֶערְצֵיילְן פַאְרן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר; רֶעד צוּ אִים כְּדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אַ גוּטֶער פְרֵיינְד, רֶעד צוּ אִים אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ, רֶעד צוּ אִים אֶמֶתְ'עֶ רֵייד;

נִישְׁט גֶעמַאכְטֶע זַאכְן, מַאךְ נִישְׁט נָאךְ קֵיינֶעם, רֶעד וֶוערְטֶער פוּן דַיין הַארְץ, זָאג אִים וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין גוּט אוּן וִוי דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט יֶעדְן טָאג צוּ דִיר מִיט אַ פְרִישֶׁע מַעֲשֶׂה.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֶוערְט אִינְגַאנְצְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אִים; תְּפִלָּה קְלֶעבְּט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן פד).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נ- נִצְחִיּוּת הַתּוֹרָה

**שְׁטַארְק זִיךְ אוּן בַּאנֵיי זִיךְ צוּרִיק מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ח תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאף אַז דוּ לֶערְנְסְט נָאךְ יֶעדְן טָאג דֶעם דַף גְּמָרָא; אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט פַארְנוּמֶען אוּן דוּ הָאסְט אַסַאךְ זַאכְן צוּ עֶרְלֶעדִיגְן, דָאךְ זָאל דִי דַף גְּמָרָא זַיין בַּיי דִיר אַ זַאךְ וָואס דוּ בִּיסְט אוֹיף דֶעם נִישְׁט מְוַתֵּר. אוּן ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶער בְּלַאט גְּמָרָא אִיז דִי בֶּעסְטֶע פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען אַנְטְלוֹיפְן.

אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג פָאר צוּפְרִי דֶעם דַף פַאר אַלֶע אַבְרֵכִים וָואס וואוֹינֶען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אוּן דוּ קֶענְסְט דָאס קוּמֶען מִיטְהַאלְטְן.

עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ טָאג נָאךְ אַ טָאג, אוּן גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּט נִישְׁט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, נָאר דָאס בִּיסְל תּוֹרָה וָואס מֶען לֶערְנְט.

אִיךְ קֶען נָאךְ נִישְׁט קוּמֶען צוּ מִיר פוּן דִי שׁוֹידֶערְלִיכֶע טְרַאגֶעדְיֶע וָואס הָאט פַּאסִירְט דָא אִין שְׁטָאט דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת, אַ אִינְגֶערְמַאן נָאכְנִישְׁט קַיין דְרַייסִיג יָאר אַלְט אִיז אַוֶועק אִינְמִיטְן דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה; עֶר הָאט גֶעהַאט אַלֶעס וָואס דוּ ווִילְסְט הָאבְּן - אַן אֵייגֶענֶע הוֹיז, אַ שְׁטִיקְל בִּיזְנֶעס, אַ שֵׁיינֶע קַאר וְכוּ' וְכוּ'; אָבֶּער וָואס הָאט עֶר מִיט זִיךְ מִיט גֶענוּמֶען? נָאר דָאס בִּיסְל תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג. עֶר

הָאט מִיר אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט פּוּנְקְט אַ יָאר צוּרִיק אוֹיפְן גַאס, אוּן מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז יֶעדְן טָאג מַעֲבִיר סֶדְרָה, עֶר לֶערְנְט אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת, אוּן עֶר אִיז זִיךְ מְחַיֶּה מִיט דִי חִיזּוּק יוֹמִי.

נָאר דָאס נֶעמְט אַ מֶענְטְשׁ מִיט - תּוֹרָה וּתְפִלָּה; וָואס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ? עֶר קוּמְט אוּן גֵייט, טוּט אוּן מַאכְט, עֶר נֶעמְט קֶער, אוּן פְּלוּצְלוּנְג... דֶער מֶענְטְשׁ בְּלַייבְּט אַלֵיין. דֶעמָאלְט קוּמֶען צוּ גֵיין אַלֶע דַפִּים גְמָרָא, פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן מִזְמוֹרֵי תְּהִלִּים וָואס מֶען הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט, כָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס בַּאגְלֵייט אִים צוּ זַיין אֵייבִּיגֶער רוּה.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן דֶעם מַאֲמָר חֲזַ"ל (תַּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק טו): "לְפִי שֶׁכָּל הַמַּרְבֶּה שִׂיחוֹת וּתְפִלּוֹת, הֵם הַמְּלַוִּים אוֹתוֹ עַד שֶׁיַּגִּיעַ לְבֵית עוֹלָמוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר שְׁמוּעֶסְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס בַּאגְלֵייט אִים צוּ זַיין אֵייבִּיגֶע רוּה; דָאס אִיז זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט, ווַייל אַז מֶען קוּקְט אַרַיין אִין תַּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ, אִיז דָא אַן אַנְדֶערֶע גִירְסָא, עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט דָארְט ו'תְפִלּוֹת', נָאר עֶס שְׁטֵייט דָארְט וְ'תִיפְלוּת', אוּן עֶס אִיז מַשְׁמַע אַז מֶען רֶעדְט דָארְט פוּן נִיבּוּל פֶּה, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אָפְּהִיטְן נִישְׁט צוּ רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, אָבֶּער מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהַאט אַן אַנְדֶערֶע גִירְסָא וְ'תְּפִלּוֹת'.

נָאךְ זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (אָבוֹת ו, ט): "לְפִי שֶׁבִּשְׁעַת פְּטִירָתוֹ שֶׁל אָדָם, אֵין מְלַוִּין לוֹ לְאָדָם לֹא כֶּסֶף וְלֹא זָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת, אֶלָּא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבָד", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט בְּלַייבְּט דִי גַאנְצֶע גֶעלְט אוּן זִילְבֶּערְנֶע כֵּלִים וְכוּ' וְכוּ' אִין שְׁטוּב, אוּן מֶען נֶעמְט גָארְנִישְׁט מִיט נָאר תּוֹרָה וּתְפִלָּה.

דֶערְפַאר, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן בַּאנֵיי זִיךְ צוּרִיק מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים; חַדֵּשׁ יָמֵיךְ כְּקֶדֶם!

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

## ס - סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד

**קוּק נָאר אוֹיף דִיר אַלֵיין, וֶועסְטוּ הָאבְּן חִיזּוּק אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״ג מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע״ט לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דוּ דַארְפְסְט פוּן מִיר חִיזּוּק?! קוּק זִיךְ אָן וֶועסְטוּ הָאבְּן חִיזּוּק. דוּ בִּיסְט קוּים מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוּן אִין אַ קוּרְצֶע צַייט הָאסְטוּ שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ מְסַיֵּים זַיין מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת פוּן תַּלְמוּד בַּבְלִי; וָואס אִיז שַׁיָּיךְ אַ גְרֶעסֶערֶע חִיזּוּק אוֹיפְן ׳סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד׳ וִוי דוּ זָאלְסְט זִיךְ אַלֵיינְס אָנְקוּקְן?!

מֶען קֶען דוּרְךְ לֶעבְּן אַ גַאנְץ לֶעבְּן אָן אֲפִילוּ אֵיין מָאל עֶנְדִיגְן אַ מַסֶּכְתָּא, וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אָבֶּער וִוי נָאר מֶען אִיז זוֹכֶה אַוֶועקְצוּלֵייגְן אַלֶע חָכְמוֹת אוּן מֶען הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד, לֶערְנְט מֶען דוּרְךְ דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אִין אַ קוּרְצֶע צַייט.

קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, דֶער עִיקָּר זָאלְסְטוּ קוּקְן אוֹיף זִיךְ אַלֵיינְס; מֶענְטְשְׁן קֶען מֶען אָפְּנַארְן, מֶענְטְשְׁן קַיין מֶען אוֹיסְפָּאפְּן. מֶען קֶען אוֹיסְקוּקְן וִוי אַ חַסִידִי׳שֶׁער אִינְגֶערְמַאן, אַ חָשׁוּבְ׳עֶר אִיד, אָבֶּער דֶער אֱמֶת וֵוייסְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַז מֶען אִיז דוּרְךְ גֶעפוּילְט מִיט שְׁמוּץ. זֶע וִוי נָאר דֶער רֶבִּי רֶעדְט צוּ דִיר; עֶר הָאט אַ שְׁפְּרַאךְ צוּ אַלֶעמֶען, עֶר וַוייזְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דוּרְךְ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

זָאלְסְט נִישְׁט מֵיינֶען אַז דֶער יֵצֶר הָרָע וֶועט דִיךְ אַזוֹי שְׁנֶעל אָפְּלָאזְן; עֶר אִיז נִישְׁט מַסְכִּים צוּ פַארְלִירְן אַ קָאסְטוּמֶער אַזוֹי שְׁנֶעל. דֶערְפַאר וֶועט עֶר דִיר מַחְלִישׁ דַעַת זַיין, עֶר וֶועט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְן אִין כָּל מִינֵי מֶענְטְשְׁן אַבִּי דוּ זָאלְסְט אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי׳ן.

וֶוער נִישְׁט נִתְפָּעֵל פוּן דַיינֶע כְּלוֹמְר׳ישֶׁע חֲבֵרִים, בִּפְרַט פוּן דֶער וָואס זוּכְט אַזוֹי אוֹיפְצוּטוּן לְשֵׁם שָׁמַיִם, עֶס גֵייט אִים אִין לֶעבְּן אַז דוּ ׳זָאגְסְט׳ מִשְׁנַיוֹת, עֶר קֶען נִישְׁט צוּ קוּקְן וִוי דוּ ׳זָאגְסְט׳ גְמָרָא, עֶר בְּרֶענְגְט דִיר רְאָיוֹת

פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ הָרַב הִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה אַז מֶען אִיז נִישְׁט יוֹצֵא בַּיי תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה אוֹיבּ מֶען זָאגְט, זָאל עֶר דִיר וַוייזְן וָואס עֶר בְּרֶענְגְט דָארְט וַוייטֶער (שֻׁלְחָן עָרוּךְ הָרַב הִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה סִימָן ב, סְעִיף י): "לִלְמוֹד פַּעַם אַחַת כְּסֵדֶר כָּל הַתַּלְמוּד בַּבְלִי וִירוּשַׁלְמִי וּמְכִילְתָּא וְסִיפְרָא וְסִפְרִי וְתוֹסֶפְתּוֹת וְכָל הַמִּדְרָשִׁים מִתַּנָּאִים וְאָמוֹרָאִים שֶׁכָּל דִּבְרֵיהֶם הִיא תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה שֶׁנִּתְּנָה לְמֹשֶׁה מִסִּינַי כְּמוֹ רַבּוֹת וְתַנְחוּמָא וּפְסִיקְתּוֹת וְכַיּוֹצֵא בָּהֶן וּמִדְרָשֵׁי רַשְׁבִּ"י עַל כֻּלָּן כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לִגְמוֹר כָּל הַתּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה כֻּלָּהּ פַּעַם אַחַת בְּחַיָּיו, לְקַיֵּים מִצְוַת שָׁמוֹר תִּשְׁמְרוּן אֶת כָּל הַמִּצְוָה וְגוֹ' כְּמוֹ שֶׁנִּתְבָּאֵר לְמַעְלָה, וְאַף שֶׁיִּשְׁכַּח הַכֹּל הֲרֵי לֶעָתִיד לָבֹא יַזְכִּירוּהוּ כָּל לִמּוּדוֹ שֶׁשָּׁכַח", אוּן נָאכְדֶעם (סְעִיף יג): "יֵשׁ לְאָדָם לַעֲסֹק בְּכָל הַתּוֹרָה גַּם בִּדְבָרִים שֶׁלֹּא יוּכַל לְהָבִין, וּלְעָתִיד לָבֹא יִזְכֶּה לְהָבִין וּלְהַשִּׂיג כָּל הַתּוֹרָה שֶׁעָסַק בָּהּ בָּעוֹלָם הַזֶּה וְלֹא הִשִּׂיגָהּ מִקֹּצֶר דַּעְתּוֹ", אַ מֶענְטְשׁ זָאל כָאטְשִׁיג אֵיין מָאל אִין לֶעבְּן דוּרְכְזָאגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, אַזוֹי וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט לֶערְנֶען מִיט זַיין נְשָׁמָה.

עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין צַייט צוּ עֶנְטְפֶערְן פַאר לֵצִים; גֶעדֶענְק וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ט, יב): "אִם חָכַמְתָּ, חָכַמְתָּ לָּךְ", אוֹיבּ בִּיסְטוּ קְלוּג - בִּיסְטוּ קְלוּג פַאר דִיר, "וְלַצְתָּ, לְבַדְּךָ תִשָּׂא", אוּן אוֹיבּ מַאכְסְטוּ לֵיצָנוּת - מַאכְסְטוּ פוּן דִיר אַלֵיין לֵיצָנוּת; וֶוען אֵיינֶער מַאכְט לֵיצָנוּת פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, מַאכְט עֶר נִישְׁט לֵיצָנוּת פוּן רֶבִּי'ן, עֶר מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן זִיךְ אַלֵיינְס. וַוייל וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דֶער מַלְאָךְ מִיט דִי טוֹיזְנְט אוֹיגְן אוּן אִים אַהֵיים רוּפְן וֶועט גָארְנִישְׁט נִיצְן; עֶר וֶועט קֶענֶען שְׁרֵייעֶן אוּן וֵויינֶען אָבֶּער עֶר וֶועט אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט נַאקֶעט, עֶר וֶועט נִישְׁט וויסְן וָואס צוּ טוּן פַאר בּוּשָׁה וֶוען מֶען וֶועט אִים פְרֶעגְן: "עֲרֵךְ מִקְרָא שֶׁקָּרִיתָ"; "עֲרֵךְ מִשְׁנָה שֶׁשָּׁנִיתָ"; עֶר וֶועט בְּלַייבְּן מִיט אַן אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעקְטְן צִינְג, ווידֶערְאוּם דֶער וָואס הָאט יָא גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן גֶעלֶערְנְט פְלַייסִיג אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, בַּיי אִים וֶועט זַיין (מִשְׁלֵי לא, כה): "וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן - עֶר וֶועט לַאכְן בַּיים לֶעצְטְן טָאג.

מַאךְ זִיךְ נִישְׁט וויסְנְדִיג פוּן דִי אַלֶע וָואס לַאכְן אוּן שְׁפֶּעטְן אָפּ פוּן דַיין לֶערְנֶען; דִי וֶועלְט זָאגְט: "לַאכְן, לַאכְט דֶער וָואס לַאכְט צוּם לֶעצְט"; וֶוער

לַאכְט בֶּאֱמֶת? דֶער וָואס לַאכְט בַּיים סוֹף. וֶוען אֵיינֶער מַאכְט אַוֶועק דֶעם רֶבִּינ'ס סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד, עֶר לַאכְט אָפּ דֶערְפוּן אוּן מַאכְט לֵיצָנוּת: "עֶס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט", הֲגַם יֶעצְט קֶען מֶען נָאךְ נִישְׁט לַאכְן אָבֶּער וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דֶעם לֶעצְטְן טָאג, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען קֶענֶען לַאכְן, וַוייל מֶען גֵייט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָנְגֶעפִּילְט מִיט תּוֹרָה - צֶענְדְלִיגֶער מָאל מְסַיֵּים גֶעוֶוען שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה; בַּבְלִי; יְרוּשַׁלְמִי; תּוֹסֶפְתָּא; רַמְבַּ"ם; טוּר; שֻׁלְחָן עָרוּךְ; זוֹהַר; תִּיקּוּנֵי זוֹהַר אוּן אַלֶע מֶדְרָשִׁים; דֶעמָאלְט וֶועט זַיין אַ גְרוֹיס גֶעלֶעכְטֶער, בַּיי יֶענֶעם וֶועט נֶעבֶּעךְ מְקוּיָם וֶוערְן (רות א, כא): "אֲנִי מְלֵאָה הָלַכְתִּי, וְרֵיקָם הֱשִׁיבַנִי", וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶענוּצְט זַיינֶע יָארְן, וָואס דַאן קְלָאגְט דִי נְשָׁמָה: "אֲנִי מְלֵאָה הָלַכְתִּי", אִיךְ בִּין אַרָאפּ גֶעקוּמֶען אָנְגֶעפִּילְט מִיט כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, אָבֶּער: "וְרֵיקָם הֱשִׁיבַנִי", אִיךְ גֵיי צוּרִיק לֵיידִיג.

וֶועגְן קוּמֶען צוּ פָארְן צוּ מִיר אוֹיף שַׁבָּת וְכוּ', אִיךְ מֵיין אַז עֶס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס, מֶען קֶען זַיין פוּן דֶערְוַוייטְנְס אוּן זַיין מֶער מְקוּשָּׁר וִוי דִי וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אוּנְטֶער דִי פוּס. עֶס אִיז נִישְׁט דָא וָואס צוּ זֶען דָא, מִיר הָאבְּן דָא אַ קָאךְ וואוּ מֶען קָאכְט גוּטֶע עֶסְן אוּן מֶען טֵיילְט דָאס אוֹיס אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; דִי עֶסְן אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק אוּן בַּא'טַעמְ'ט אַז מֶען קֶען לֶעבְּן פוּן דֶעם אַ גוּט לֶעבְּן. וֶועט אֵיינֶער זָאגְן: "אִיךְ מוּז זֶען דִי קָאךְ וואוּ מֶען קָאכְט דִי עֶסְן, אִיךְ מוּז זֶען דֶעם קֶעכֶער וָואס קָאכְט דִי עֶסְן", קֶען זַיין אַז עֶר וֶועט קוּמֶען אִין קָאךְ אוּן זֶען וִוי דֶער קֶעכֶער גֵייט אָנְגֶעטוּן מִיט אַ שְׁמוּצִיגְן כַאלַאט אוּן וִוי דֶער קָאךְ זֶעט אוֹיס וֶועט עֶר נָאר הָאבְּן קַשְׁיוֹת וְכוּ', עֶנְדֶערְשׁ נֶעם דִי דִיבּוּרִים אוּן שֵׂכֶל אוּן לֶעבּ מִיט דֶעם.

וָואס אִיז דֶער חִילּוּק צְווִישְׁן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן אַנְדֶערֶע רֶבִּי'ס? דֶער רֶבִּי גֶעבְּט דִיר אַ וֶועג דוּ זָאלְסְט קֶענֶען לֶעבְּן אֲפִילוּ וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט נִישְׁט נֶעבְּן רֶבִּי'ן וְדַ"ל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

# ע - עֵסֶק הַתּוֹרָה

## נָאךְ אַ שְׁוֶוערֶע טָאג אַרְבֶּעט, גֵייט מֶען אִין שׁוּל לֶערְנֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ג אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן
מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט נֶעכְטְן נַאכְט בַּיים סִיוּם מַסֶכֶת מוֹעֵד קָטָן בַּיי עֶנְק אִין שְׁטוּבּ.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶע סִיוּם, אַ שֵׁיינֶע חַבוּרָה אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים וָואס לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא מִיט אַ מַגִיד שִׁיעוּר - מַיין זוּן הָרַב ... נֵרוֹ יָאִיר. וָואס אִיז שֶׁענֶער פוּן דֶעם, צוּ זֶען אִינְגֶעלַייט, אָפְּגֶעמַאטֶערְט נָאךְ אַגַאנְצְן טָאג אַרְבֶּעטְן - זָאלְן קוּמֶען אִין שׁוּל לֶערְנֶען, דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (חֲגִיגָה ה:): "שְׁלֹשָׁה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בּוֹכֶה עֲלֵיהֶם בְּכָל יוֹם", אוֹיף דְרֵיי מֶענְטְשְׁן וֵויינְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל יֶעדְן טָאג, דֶער עֶרְשְׁטֶער פוּן זֵיי: "עַל מִי שֶׁאֶפְשָׁר לַעֲסוֹק בַּתּוֹרָה וְאֵינוֹ עוֹסֵק", דֶער וָואס קֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן לֶערְנְט נִישְׁט; אוֹיף אַזַא אֵיינֶעם דַארְף מֶען וֵויינֶען, נֶעבֶּעךְ, וָואס הָאט מֶען פוּנֶעם לֶעבְּן אָן תּוֹרָה? נָאר תּוֹרָה בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, נָאר תּוֹרָה וֶועט אִיבֶּערְבְּלַייבְּן פוּן דִי גַאנְצֶע פְּלָאגֶענִישׁ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ גֵייסְט צוּם שִׁיעוּר גְמָרָא יֶעדְן טָאג, מוֹהֲרָא"ש פְרֵייט זִיךְ, אַלֶע צַדִיקִים פְרֵייעֶן זִיךְ.

אִיךְ וֵייס נִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ אַייךְ שׁוֹין דֶערְצֵיילְט, מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיר כַּמָּה פְּעָמִים גֶעזָאגְט אוֹיף עֶנְק אַז אִיךְ רַאטֶעוֶוע עֶנְק. אִיךְ הָאבּ דֶעמָאלְט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין סְפֶּעצִיעֶלֶע שַׁייכוּת מִיט עֶנְק, עֶרְשְׁט שְׁפֶּעטֶער נָאכְן פְּטִירָה פוּן מוֹהֲרָא"ש הָאבְּן מִיר זִיךְ מֶער אוּן מֶער בַּאקֶענְט, אוּן הַיינְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ דִי וֶוערְטֶער, דִי רוּחַ הַקוֹדֶשׁ פוּן מוֹהֲרָא"ש; מוֹהֲרָא"ש הָאט פָארְאוֹיס גֶעזָאגְט וְכוּ׳.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, דָאס וֶועסְטוּ מִיטְנֶעמֶען מִיט זִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט.

...

## פ - פְּאֵר הַתּוֹרָה

### אִידִישְׁקֵייט אִיז גְרִינְג, אִידִישְׁקֵייט אִיז שֵׁיין

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ"ה נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאךְ אַ זְמַן אִין יְשִׁיבָה מִיט פְרִישֶׁע כֹּחוֹת, עֶס זֶענֶען דָא פְרִישֶׁע תַּלְמִידִים וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען נֶעמֶען חַיּוּת פוּנֶעם נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה.

"מוֹדֶה אֲנִי לְפָנֶיךָ ה' אֱלֹקֵינוּ וֵאלֹקֵי אֲבוֹתֵינוּ", אִיךְ דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "שֶׁשַּׂמְתָּ חֶלְקִי מִיּוֹשְׁבֵי בֵּית הַמִּדְרָשׁ", אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען בִּיז אַהֶער צוּ זִיצְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ מִיט תַּלְמִידִים, "וְלֹא שַׂמְתָּ חֶלְקִי מִיּוֹשְׁבֵי קְרָנוֹת", אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מִיט קַיין לֵצִים וָואס פַארְבְּרֶענְגֶען זֵייעֶרֶע יָארְן מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, "אֲנִי עָמֵל וְהֵם עֲמֵלִים", יֶעדֶער אֵיינֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ, "אֲנִי עָמֵל וּמְקַבֵּל שָׂכָר", גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אוּנְזֶער מוּטְשֶׁע אִיז פַאר גוּטֶע זַאכְן, מִיר לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, מִיר פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי אֱמוּנָה, "אֲנִי רָץ וְהֵם רָצִים", אַלֶע יָאגְן זִיךְ, אוֹיף אַלֶעמֶען גֵייט אִיבֶּער וָואס גֵייט אַרִיבֶּער, "אֲנִי רָץ לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא", מִיר יָאגְן זִיךְ צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן חַיֵּי עוֹלָם הַבָּא; מִיר פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי זִיסֶע עֵצוֹת וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט - דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן אִין דֶעם אוּן יֶענֶעם, מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס, עֶר אִיז אַלֶעס אוּן טוּט אַלֶעס.

עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג צוּ זַיין מִיט בָּחוּרִים, עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג צוּ הָאבְּן צוּ טוּן מִיט אַ רַבִּים; דָאךְ דַאנְק אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי זְכִיָּה אוּן אִיךְ בֶּעט אוֹיף וַוייטֶער, אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ מַיין גַאנְץ לֶעבְּן צוּ לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַרַיינְלֵייגְן אִין בָּחוּרִים לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זֵיי אָנְגְרֵייטְן חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן. אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ זַיין דֶער גוּטֶער שָׁלִיחַ צוּ קֶענֶען טְרֶעפְן שִׁידוּכִים פַאר אַלֶע בָּחוּרִים אוּן זֵיי וַוייזְן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן דִי לֶעבְּן מִיט דִי תּוֹרָה.

אִיךְ הָאבּ אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס דוּ וֶועסְט הַנָאָה הָאבְּן דֶערְפוּן, יָארְן צוּרִיק הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעפְרֶעגְט אַ בָּחוּר וָואס הָאט דֶעמָאלְט גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה: "הָאסְט הַנָאָה אִין יְשִׁיבָה?" אוּן דֶער בָּחוּר הָאט גֶעזָאגְט: "יָא"; פְרֶעגְט אִים מוֹהֲרָא"שׁ: "פַארְוָואס הָאסְטוּ הַנָאָה אִין יְשִׁיבָה?" דֶער בָּחוּר אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אַ נֵייעֶר תַּלְמִיד, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, עֶר זָאגְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ: "דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַאכְט גְרִינְג אִידִישְׁקֵייט", זָאגְט אִים מוֹהֲרָא"שׁ: "נֵיין, עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת; דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מַאכְט נִישְׁט גְרִינְג אִידִישְׁקֵייט, אִידִישְׁקֵייט אִיז גְרִינְג, אִידִישְׁקֵייט אִיז שֵׁיין; דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וַוייזְט דִיר וָואס אִידִישְׁקֵייט אִיז!"

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט צוּ הֶערְן דִי וֶוערְטֶער פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, וַוייל דָאס אִיז וָואס אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ טוּן אַלֶע יָארְן מִיט דִי בָּחוּרִים; זֵיי זָאלְן נִישְׁט אָנְקוּקְן דִי תּוֹרָה וּמִצְוֹת וִוי עֶפֶּעס אַ בִּיטֶערֶע זַאךְ, נָאר זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן דִי מִצְוֹת.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין, אִיךְ דַארְף גֵיין צוּ דִי בָּחוּרִים, זֵיי וַוארְטְן אוֹיף מִיר.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין אַ פְּרוּוְוען צַאמְקוּם, פְרֶעג אִין שְׁטוּבּ אוֹיבּ מֶען וִויל קוּמֶען; פְרֶעג עֶס מִיט חָכְמָה, נֵייט נִישְׁט, גֵיי נִישְׁט בְּכֹחַ, עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן אַז דוּ וֶועסְט אִיר הֵייסְן וְכוּ'; פְרֶעג אִיר אוֹיבּ זִי וִויל קוּמֶען, אוֹיבּ זִי אִיז נָאכְנִישְׁט דֶערְבֵּיי - זָאלְסְטוּ וַוארְטְן. מִיט סַבְלָנוּת קוּמְט מֶען אָן אַסַאךְ וַוייטֶער, דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען בְּכֹחַ הָאבְּן נָאכְדֶעם חֲרָטָה גֶעהַאט.

אִיךְ הָאף דוּ פַארְשְׁטֵייסְט וָואס אִיךְ מֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# צ - צֶלֶם אֱלֹקִים

## וֶוער עֶס אִיז מְסַיֵּים שַׁ״ס בַּאקוּמְט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים, אַ לִיכְטִיגֶע פָּנִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאף דוּ טַאנְצְט יֶעדְן טָאג אוֹיף דִי זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט מִיטְ׳ן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת, עֲצָתוֹ אֱמוּנָה - פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. גֵיי אַ טֶעגְצְל אַפָּאר מָאל אַ טָאג בַּיי דִיר אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אוּן דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין אַזַא הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

דָא הָאסְטוּ אַ מַעֲשֶׂה פַאר דִי קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה:

״הֵיילִיגֶער רֶבִּי, הֶעלְף מִיר אַז אַלֶע מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן לֶערְנֶען שַׁ״ס אוּן מְסַיֵּים זַיין גַאנְץ שַׁ״ס!״ אַזוֹי זִיצְט חַייקֶל בַּיים רֶבִּינְ׳ס צִיּוּן אוּן וַויינְט.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַ נָאנְטֶער תַּלְמִיד, חַייקֶל, מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן: ״חַייקֶל חַזָּן״; עֶר הָאט גֶעקֶענְט זֵייעֶר שֵׁיין זִינְגֶען. דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט אִים צוּ הֶערְן זִינְגֶען, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גֶעטְרֵייעֶר תַּלְמִיד.

שְׁפֶּעטֶער וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן פְלֶעגְט חַייקֶל אַלְץ גֵיין צוּם רֶבִּינְ׳ס צִיּוּן מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר זִיךְ, פַאר זַיינֶע קִינְדֶער אוּן פַאר אַלֶע אִידְן; עֶר פְלֶעגְט זִיךְ דָארְט מִתְבּוֹדֵד זַיין, עֶר פְלֶעגְט בֶּעטְן אַלֶע זַיינֶע בַּקָּשׁוֹת.

קִינְדֶער אִיר וֵוייסְט אַז מֶען קֶען טַאקֶע אִיבֶּעראַל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם, נִישְׁט קַיין חִילּוּק וֶוער מֶען אִיז אוּן וואוּ מֶען גֶעפִינְט זִיךְ, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט נָאכְמֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער אוֹיס וֶוען מֶען גֵייט צוּ אַ צִיּוּן פוּן אַ צַדִּיק; בַּיי אַ צִיּוּן פוּן אַ צַדִּיק זֶענֶען דִי הִימְלֶען אָפְן, דִי תְּפִילּוֹת גֵייעֶן דָארְט אַרוֹיף זֵייעֶר שְׁנֶעל.

אַמָאל הָאט מֶען גֶעהֶערְט ווִי חַייקֶל זִיצְט בַּיים צִיּוּן אוּן וַויינְט צוּם רֶבִּי׳ן: ״רֶבִּי, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף אַז מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן אַלֶע לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן שַׁ״ס, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי׳ן אַז וֶוער עֶס אִיז מְסַיֵּים

שַׁ״ס בַּאקוּמְט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים, אַ לִיכְטִיגֶע פָּנִים, אַ הֵיילִיגֶע לִיכְטִיגֶע גֶעזִיכְט; רֶבִּי, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר אַז אַלֶע מַיינֶע קִינְדֶער אוּן מַיינֶע דוֹרוֹת זָאלְן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא אוּן דָאס עֶנְדִיגְן.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶוער עֶס ווִיל הָאבְן אַ לִיכְטִיגֶע פָּנִים, וֶוער עֶס ווִיל אַ הֵיילִיגְקֵייט אוֹיפְ׳ן פָּנִים - זָאל אָנְהוֹיבְן שַׁ״ס. יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען דָאס בַּאוַוייזְן, מֶען דַארְף נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער.

הוֹיבְּט אָן מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת אוּן זָאגְט דִי וֶוערְטֶער אִין אַ רֵייעֶ אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין; עֶס נֶעמְט אַבִּיסְל צַייט, עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט; אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אִין דִי פְרֵייעֶ צַייט אַבִּיסְל גְמָרָא - אִיז מֶען זוֹכֶה בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט צוּ מַאכְן אַ סִיוּם אוֹיף אַ מַסֶּכְתָּא, אוּן נָאכְדֶעם אוֹיף נָאךְ אַ מַסֶּכְתָּא - בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶנְדִיגְן שַׁ״ס.

אַלֶע קִינְדֶער קוּמֶען זִינְגֶען: ״דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, וֶוער עֶס עֶנְדִיגְט שַׁ״ס אִיז זוֹכֶה צוּ אַ צֶלֶם אֱלֹקִים, אַ הֵיילִיגֶע לִיכְטִיגֶע גֶעזִיכְט״.

בֶּעט דֶעם מֶעלֶער עֶר זָאל מָאלְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס צִיּוּן אוּן ווִי אַ אִיד זִיצְט אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי הֶענְט צוּם הִימְל, אוּן פוּן דֶער זַייט אַ קִינְד פוּן צֶען יָאר מִיט אַ שַׁיינֶעדִיגֶע פָּנִים, עֶס זָאל גֵיין שְׁטְרַאלְן פוּנֶעם פָּנִים.

שְׁטַארְק זִיךְ בְּרוּדֶער; מִיר פָּארְן שׁוֹין צוּם רֶבִּי׳ן, דוּ וֶועסְט קוּמֶען צוּם צִיּוּן מִיט פוּלֶע הֶענְט; אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאסְטוּ מְחַיֶ׳ גֶעוֶועזְן אוּן מְעוֹרֵר גֶעוֶועזְן לִתְשׁוּבָה.

אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

# ק - קְדוּשַּׁת הַתּוֹרָה

## דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה וֶועסְטוּ קֶענֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ב' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעם דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצָה וֶועסְטוּ קֶענֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דַיין בְּלָאטֶע. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם, רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילּוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד". אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ" וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶעם שְׁמוּעֶס הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "צִי תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזָא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, רַחְמָנָא לִצְלָן?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים אוּן גֶעזָאגְט: "דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס"; אֲפִילּוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס וַוייקְט זִיךְ אִין דִי עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, וֶועט אִים דִי תּוֹרָה אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן זַיין בְּלָאטֶע.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת חֲכִירוֹת וְקַבְּלָנוּת, הֲלָכָה ב, אוֹת יב): "וַאֲפִלּוּ מִי שֶׁנָּפַל לְמָקוֹם שֶׁנָּפַל", אֲפִילּוּ וֶוער עֶס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל

תַּחְתִּית חַס וְשָׁלוֹם "וְהוּא רָחוֹק מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ עַל־יְדֵי מַעֲשָׂיו הָרָעִים", און הָאט זיךְ דֶערְוַוייטֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, "אַף־עַל־פִּי־כֵן יָכוֹל לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ, בְּקַל, עַל־יְדֵי לִמּוּד הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", קֶען עֶר דוּרְךְ דִי תּוֹרָה גְרִינְג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "כִּי הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה יוֹרֶדֶת אֲפִלּוּ לְמִי שֶׁהוּא בְּעִמְקֵי הַקְּלִפּוֹת, בַּשְּׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת, חַס וְשָׁלוֹם. וּמְעוֹרֶרֶת אוֹתוֹ וּמְקָרֶבֶת אוֹתוֹ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", וַוייל דִי תּוֹרָה וֶועקְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְש, ווִי וַוייט עֶר זָאל נָאר זַיין, אֲפִילוּ עֶר לִיגְט אִין דִי טִיפְסְטֶע בְּלָאטֶע - עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ דִי קְדוּשָׁה, "וְהַכְּלָל, שֶׁהַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה הִיא יוֹרֶדֶת אֲפִלּוּ בְּעִמְקֵי תְּהוֹם לְעוֹרֵר אֲפִלּוּ אֶת הַפָּחוּת שֶׁבַּפְּחוּתִים, לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. וְעַל יְדֵי עֵסֶק הַתּוֹרָה - יְכוֹלִין לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֲפִלּוּ מִשְּׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת, חַס וְשָׁלוֹם".

נֶעם אַ מִשְׁנַיּוֹת און הוֹיבּ אָן לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת; לֶערְן אֵיין פֶּרֶק נָאכְן צְוֵוייטְן, אִין אָנְהוֹיבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט וַוייל פוּן אַזוֹיפִיל מָאל זִינְדִיגְן אִין דִי עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית הָאסְטוּ פַארְלוֹירְן דַיין מֹחַ. אַזוֹי ווִי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (עַיֵּין פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, קי): "סְלוּקָא דִיסוֹדָא עַד אַבָּא וְאִמָּא", אַז מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית - מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּיסוֹד גֵייט דֶער פְּגַם בִּיזְן מֹחַ; מֶען פַארְלִירְט דֶעם כֹּחַ פוּן זִיךְ קֶענֶען קָאנְצֶענְטְרִירְן וְכוּ'. אָבֶּער אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט זָאל מֶען וַוייטֶער זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה אַז מֶען הֶערְט אוֹיף צוּ טוּן עֲבֵירוֹת און מֶען רַייסְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי קְלִפּוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ר - רְפוּאַת הַתּוֹרָה

### תּוֹרָה בְּרֶענְגְט אַ רְפוּאָה אוֹיפְן מֶענְטְשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ו׳ אִיָּיר, שְׁנַת תשע״ז לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ וֶוער אַזוֹי פְרֵיילִיךְ יְעֶדֶעס מָאל וֶוען דוּ קוּמְסְט מִיר זָאגְן נָאךְ אַ סִיּוּם וָואס דוּ הָאסְט מְסַיֵּים גֶעוֶועְן; נֶעכְטְן הָאסְטוּ מְסַיֵּים גֶעוֶועְן דִי ... מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה! אַשְׁרֶיךָ - ווָאוֹיל אִיז דִיר אוּן ווָאוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה אוֹיף אַלֶע דַיינֶע רְמַ״ח אֵבָרִים וּשְׁסָ״ה גִּידִים; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֵירוּבִין נד.) אַז דִי תּוֹרָה בְּרֶענְגְט אַ רְפוּאָה אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, אוּן אַז דוּ וֶועסְט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ קוּמֶען יֶעדְן טָאג אִין יְשִׁיבָה אוּן גוֹרֵס זַיין פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן דַפִּים גְּמָרָא, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן אַז דוּ זָאלְסְט זָאגְן דִי פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן דִי בְּלֶעטֶער גְמָרָא אוֹיפְן קוֹל. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת לִימּוּד, סִימָן טז): ״הַלּוֹמֵד בְּקוֹל מַאֲרִיךְ יָמִים״, וֶוער עֶס לֶערְנְט אוֹיפְן קוֹל וֶועט לַאנְג לֶעבְּן; אוּן אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת; דֶערְפַאר טַייעֶרֶער ... זָאג דִי פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוֹיפְן קוֹל, נִישְׁט סְתָּם קוּק מִיט דִי אוֹיגְן אוּן מִישׁ בְּלֶעטֶער.

אוּן וֶוען דוּ דַאוֶוענְסְט שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה אוּן דוּ זָאגְסְט דִי בְּרָכָה פוּן רְפָאֵנוּ, מַאךְ אַ סְטַאנְצְיֶע (סְטַאפּ), אוּן וֵויין דִיךְ אוֹיס פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דַיין מַחֲלָה, אוּן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה. מִיר אַלֶע זֶענֶען מִתְפַּלֵל פַאר דִיר אַז דוּ זָאלְסְט אוֹיסְגֶעהֵיילְט וֶוערְן, אָבֶער חֲזַ״ל זָאגְן (מִדְרָשׁ בְּרֵאשִׁית רַבָּה נג, יד): ״יָפָה תְּפִילַּת הַחוֹלֶה עַל עַצְמוֹ״, וֶוען דֶער חוֹלֶה אִיז מִתְפַּלֵל אוֹיף זִיךְ אַלֵיינְס, אִיז עֶס מֶער ווִי וֶוען אַ צְוֵוייטֶער דַאוֶונְט פַאר אִים.

זַיי גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

...

## ש - שִׂמְחַת הַתּוֹרָה

### נָאר תּוֹרָה וֶועט דִיר מַאכְן שְׁפִּירְן צוּפְרִידְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ד׳ טֵבֵת, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

פַּארְשַׁאף זִיךְ אַ גְמָרָא מַסֶכֶת בְּרָכוֹת; הַיינְט אִיז דָא הֶערְלִיכֶע גְמָרוֹת "עוֹז וְהָדָר" מְנֻקָּד, אַ גֶעפִּינְטְלְטֶע שַׁ״ס מִיט הֶערְלִיכֶע אוֹתִיוֹת. אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק זָאלְסְט אָנְהוֹיבְּן שַׁ״ס, דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט קוֹיפְן אַ גַאנְצֶע שַׁ״ס אוֹיף אֵיינְמָאל, קֶענְסְט קוֹיפְן צוּבִּיסְלִיךְ, יֶעדֶע מַסֶכְתָּא בַּאזוּנְדֶער.

אִיךְ וִויל זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גֶעשְׁמַאק אִין לֶעבְּן, דוּ מֵיינְסְט אַז דָאס וֶועט דִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן אָדֶער יֶענְץ וֶועט דִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן, דוּ טְרַאכְסְט אוֹיבּ דוּ וֶועסְט הָאבְּן ... וֶועסְטוּ שׁוֹין זַיין צוּפְרִידְן, אָבֶּער אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן דֶעם אֱמֶת, צוּפְרִידְן וֶועסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין נָאר אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען תּוֹרָה, אַ אִידִישֶׁע נְשָׁמָה דַארְף אֵיין זַאךְ: "תּוֹרָה"; אַ אִידִישֶׁע נְשָׁמָה וֶוערְט נִישְׁט זַאט פוּן גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט, נִישְׁט גֶעלְט וֶועט דִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן, גָארְנִישְׁט וֶועט דִיר בַּאפְרִידִיגְן נָאר לֶערְנֶען תּוֹרָה.

אִיךְ וַוארְט דוּ זָאלְסְט מִיר מוֹדִיעַ זַיין אוֹיבּ דוּ הוֹיבְּסְט אָן שַׁ״ס כְּסִדְרָן דֶעם קוּמֶענְדִיגְן וָואךְ זוּנְטָאג פַּרְשַׁת וַיְחִי.

...

## ת - תּוֹרָה וּתְפִלָּה

### "אַ מוֹפֵת בִּין אִיךְ"!

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י״ג סִיוָן, שְׁנַת תשע״ו לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

הַיינְט אִיז פַאר מִיר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, וַוייל מִיר מַאכְן אַ "חוּמָשׁ סְעוּדָה" דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל בַּיי אוּנְז אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן

וָואס מִיר זֶענֶען אַרִיבֶּער דִי פָּאר יָאר פוּן וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפֶענְט דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה, אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר קֶענֶען מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער מִיט אֱמוּנָה אוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק דוּ זָאלְסְט צוּרִיק אָנְהֵייבְּן דַיינֶע שִׁיעוּרִים קְבוּעִים כְּסִדְרָן אוֹיפְן "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד" פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הַיינְט הֵייבְּט זִיךְ אָן אַ נֵייעֶ סֶדְרָה פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ זָאלְסְטוּ הַיינְט אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, וָוארְט נִישְׁט אוֹיף פְרַייטָאג. דֶער אַרִיזַ"ל זָאגְט טַאקֶע אַז מֶען זָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פְּרַייטָאג, אָבֶּער אַז מֶען וַוארְט אוֹיף פְּרַייטָאג שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיס אַז מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה, וַוייל עֶס קוּמְט אוּנְטֶער יֶעדֶע וָואךְ עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אָבֶּער אַז מֶען גֵייט מִיטְן "שֻׁלְחָן עָרוּךְ" וָואס זָאגְט (הִלְכוֹת שַׁבָּת סִימָן רפה, סְעִיף ג): "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וָאֵילָךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר", אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט אַרָאפּ פוּנֶעם גְרָ"א זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַז דֶער גָאוֹן הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען אַבִּיסְל; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אַז מֶען גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג, דֶעמָאלְט אִיז מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ אוּן מֶען לֶעבְּט מִיט דִי פַּרְשָׁה.

אוֹיךְ זֶע צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט נִישְׁט מֶער וִוי צְוֵויי דְרֵיי מִינוּט, אוּן אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט דָאךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִימּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, מֶען דַארְף נָאר לֶערְנֶען - זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין סֵיי וִוי פַארְשְׁטֵיין; אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אִיז מֶען זוֹכֶה אַז דֶער קָאפּ עֶפֶנְט זִיךְ אוֹיף, אוּן בְּמֶשֶׁךְ הַזְּמַן הֵייבְּט מֶען אָן צוּ פַארְשְׁטֵיין. אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעזֶען בַּיי אַסַאךְ בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת.

פַאר מֶען הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען אוֹיפְן "דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד" פוּנֶעם רֶבִּי'ן, זוּכְט מֶען רְאָיוֹת אוּן מֶען ווִיל מַאכְן זִיכֶער אַז עֶס הֵייסְט גֶעלֶערְנְט, אָבֶּער אֵיין מָאל מֶען לֶערְנְט שׁוֹין אוֹיפְן "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד" דַארְף מֶען שׁוֹין נִישְׁט קַיין שׁוּם רְאָיוֹת צִי עֶס הֵייסְט גֶעלֶערְנְט צוּ נִישְׁט, מֶען קוּקְט זִיךְ אַלֵיין אָן אוּן מֶען זָאגְט

"אַ רְאָיָה בִּין אִיךְ", בִּבְחִינַת "אַ מוֹפֵת בִּין אִיךְ"; מֶען פְלֶעגְט פְרֶעגְן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עֶר זָאל פַארְצֵיילְן אַ מוֹפֵת פוּן רֶבִּי נָתָן, פְלֶעגְט עֶר זָאגְן "אַ מוֹפֵת בִּין אִיךְ" אַז פוּן "נַחְמָן וַואסֶער טְרֶעגֶער" אִיז גֶעוָוארְן "רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער"! עֶר הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט וִוי רֶבִּי נָתָן זָאגְט תּוֹרָה אוּן אִינְמִיטְן דִי תּוֹרָה הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט, אוּן מֶען קֶען זִי נִישְׁט בַּאקוּמֶען, תּוֹרָה וּתְפִלָּה אִיז יָא, אוּן מֶען קֶען עֶס בַּאקוּמֶען"; דִי וֶוערְטֶער אִיז אִים אַרַיין אִין קָאפּ אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען זִיךְ צוּ דְרֵייעֶן בַּיי רֶבִּי נָתָן, אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזֶען אַז עֶר הָאט אִין זִיךְ אַסַאךְ תְּמִימוּת הָאט עֶר אִים מְקָרֵב גֶעוֶוען אוּן אִים גֶעזָאגְט וִוי אַזוֹי עֶר זָאל לֶערְנֶען וְכוּ' בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער, אוּן עֶר פְלֶעגְט זָאגְן "אַ מוֹפֵת בִּין אִיךְ" אַז פוּן "נַחְמָן וַואסֶער טְרֶעגֶער" אִיז גֶעוָוארְן "רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער". דָאס זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן צוּ פָאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן עֶר נֶעמְט אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן הֵייבְּט אָן זָאגְן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, עֶר עֶנְדִיגְט אֵיין מָאל מִשְׁנַיוֹת אוּן נָאכְאַמָאל מִשְׁנַיוֹת, דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף שׁוֹין נִישְׁט קַיין רְאָיוֹת צִי עֶס אִיז יָא גֶעלֶערְנְט צִי נִישְׁט, אוּן דֶעם מֶענְטְשׁ גֵייט שׁוֹין נִישְׁט אָן וָואס דֶער זָאגְט, וָואס יֶענֶער זָאגְט, וָואס דֶער רֶבִּי הַאלְט אוּן וָואס דֶער מְפַרְסֵם זָאגְט, עֶר שְׁרֵייט: "אַ רְאָיָ' בִּין אִיךְ"! "אַ מוֹפֵת בִּין אִיךְ"! פוּן מִיר וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אוּן אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעווּאוּסְט דִי נֶעמֶען פוּן דִי מַסֶכְתּוֹת אִיז גֶעוָוארְן אַ רֶבִּי... אִיךְ לֶערְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אוּן אִיךְ פַארְפֶעל נִישְׁט קַיין אֵיין טָאג פוּן מַיינֶע שִׁיעוּרִים.

אַ אִינְגֶערְמַאן פַארְצֵיילְט מִיר אַז עֶר קוֹיפְט יֶעדֶע מָאל דִי גְמָרָא אִינֶעם זֶעלְבְּן סְפָרִים גֶעשֶׁעפְט, אוּן יֶעצְט וֶוען מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי נֵייעֶ מַסֶכְתָּא זָאגְט אִים דֶער פַארְקוֹיפֶער: "אִיךְ בִּין דִיר מְקַנֵא, דוּ עֶנְדִיגְסְט אַ מַסֶכְתָּא נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא"; זָאגְט מִיר דֶער אִינְגֶערְמַאן, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעוָואלְט זָאגְן 'ר' אִיד אִיר קֶענְט אוֹיךְ עֶנְדִיגְן אַ מַסֶכְתָּא נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא דוּרְךְ דֶעם זִיסְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן'.

אַ גוּטְן טָאג.

....

בס"ד

IDEA. 8457769664




יא, מיטן אייבערשטנ'ס הילף!

סיינט אייך אויף עס צו
באקומען וועכנטליך
אויף די פאסט

רופט אדער טעקסט:
718-387-2691
אימעיל צו:
subscribe@kerenhadfusa.org

לעצטע געלעגנהייט!

ב"ה

דער ספר ווערט בעז"ה
פארמאכט דינסטאג
בהעלותך הבעל"ט

# מרשא ועד גמירא

פלאטפארמע מיטצוהאלטן פארשריט פון ספרי מכון עצתו אמונה

מיר האלטן שוין ברוך ה' ביי די פערטע פאזע!

## עצתו אמונה חלק י'
## גרייט שרין אט אט צום דרוק

1. הגהה — ערשטע פאזע - 3 וואכן:
2. אויסשטעל — צווייטע פאזע - 2 וואכן:
3. צוגרייטן — דריטע פאזע - 3 וואכן:
4.

בשורה טובה: מ'קען שוין איינהאנדלען א זכות דורך אונזער מטבע אקאונט: 00124222790
ווי אויך דורך אונזער OJC אקאונט: 10505

האנדלט אייך איין א זכות אינעם ספר וואס וועט מחי' זיין און מחזק זיין טויזנטער אידישע קינדער צו עבודת ה'
רופט שוין אן ר' ישעי' איידליס הי"ו צו נעמען אייער זכות 347.831.1391